STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01594

# BA'TAM'TE IDISHE MAYKHOLIM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# באַ׳טעמ׳טע
# אידישע
# מאכלים

צוגעגרייט פון וועלט-באַרימטע

מאַנישעוויטץ׳ס מצה-פּראָדוקטען

דריטע אויסגאַבע — 1930

*

אויסדערוועהלטע רעסיפּיס וואָס זיינען אויסגעפּרואווט און גוטגעהייסען געוואָרען אין די מאַנישעוויטץ עקספּערימענטאַלע קיטשענס פון מיס פ. אַ. גאהר, ב. ס., דאָמעסטיק סייענס עקספּערט און גרע-דזשואייט פון אינסטיטושאַנעל מענעדזש-מענט.

*

פּרייז: $1.50

*


די ב. מאַנישעוויטץ קאָ

פּיין מצה בעקערס

סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקאַ

# מאַנישעוויטץ׳ס
# מצות

זיינען באַלוינט געוואָרען מיט אַ גאָלד
מעדאל אויף דער וועלט-אויסשטעלונג,
אין פילאדעלפיא.

## שיקט אונז אַריין אייער
## באַליעבטע רעסיפּי

מיר וועלען פּאָרזיכטיג אויספּרואווען די רעסיפּי וואָס איהר וועט אונז צושיקען און מיר וועלען גוט באַצאָהלען פאר יעדע איינע וואָס וועט אָנגענומען ווערען פאר די צוקונפטיגע אויסגאַבעס פון דעם בוך. די צוגעשיקטע רעסיפּיס מוזען זיין אַנדערש פון די וואָס זיינען שוין געדרוקט אין בוך.

ער גאַנצער אינהאלט קאָפּירייט 1930
די ב. מאַנישעוויטץ קאָ.



# פארווערט

באלעבאסטעם פון יעדען טייל פון ערד-קוגעל וואו מאנישעוויטץ'ס מצה-פראדוקטען ווערען געברויכט, האבען מעגליך געמאכט די ערשיינונג פון דעם בוך פון באַ'טעמ'טע אידישע מאכלים . . . די דאזיגע פרויען האבען אונז אריינגעשיקט זייערע באליעבטסטע רעסיפּים פאר מאכלים וואס האבען פארשאפט פארגעניגען זייערע אייגענע פאמיליעס . . . די רעסיפּים זיינען אויסגעפּרואווט געווארען אין אונזערע אייגענע קיטשענס, און 250 זיינען אויסגעקליבען געווארען צו ערשיינען אין אט דעם אויסערגעווענליכען בוך . . . איינינע פון די רעסיפּים זיינען פון די אמת אלט-היימישע שפּייזען . . . אנדערע ווידער זיינען אזוי גאנץ ניי, אז זיי ברייגנען אייך, איין אנגענעהמע איבערראשונג נאך דער אנדערער... די מאכלים ענטהאלטען אלערליי איינפאלען — פון זעקס פארשיעדענע אופנים צוצוגרייטען די שטענדיג אנגעלעגטע מצה-קניידלאך ביז א זעהר אנציהענדע מעטאדע צו מאכען סטראבערי שארט קעיק . . . און טראץ דעם וואס דער בוך איז הויפּטזעכליך צוגעגרייט פאר'ן טעגליכען געברויך, דאך קענען די מעהרסטע רעסיפּים אויך באנוצט ווערען אין די אכט טעג פּסח, — אבער בתנאי, אז די שטאפען וואס ווערען געברויכט זאלען זיין אמת כשר לפּסח, פּונקט ווי מאנישעוויטץ'ס מצה-פּראדוקטען.

מיר האפען אז אט דער בוך וועט בייטראגען א סך אנגענעהמע און ווערטפולע שפּייזען צו אייער טעגליכען שפּייז-צעטעל.

## די ב. מאנישעוויטץ קא.

פיין מצה בעקערס

סינסינעטי, אהייא, אמעריקא.

# אידישער קאַלענדאַר

| | תרצ"א 1930-1931 | תרצ"ב 1931-1932 | תרצ"ג 1932-1933 | תרצ"ד 1933-1934 | תרצ"ה 1934-1935 |
|---|---|---|---|---|---|
| ראש השנה | 23 סעפּט. | 12 סעפּט. | 1 אָקט. | 21 סעפּט. | 10 סעפּט. |
| צום גדליה | 25 סעפּט. | 14 סעפּט. | 3 אָקט. | 24 סעפּט. | 12 סעפּט. |
| יום כפור (יזכור) | 2 אָקט. | 21 סעפּט. | 10 אָקט. | 30 סעפּט. | 19 סעפּט. |
| א' סוכות | 7 אָקט. | 26 סעפּט. | 15 אָקט. | 5 אָקט. | 24 סעפּט. |
| הושענה רבה | 13 אָקט. | 2 אָקט. | 21 אָקט. | 11 אָקט. | 30 סעפּט. |
| שמיני עצרת (יזכור) | 14 אָקט. | 3 אָקט. | 22 אָקט. | 12 אָקט. | 1 אָקט. |
| שמחת תורה | 15 אָקט. | 4 אָקט. | 23 אָקט. | 13 אָקט. | 2 אָקט. |
| ר"ח חשון | 23 אָקט.* | 12 אָקט.* | 31 אָקט.* | 21 אָקט.* | 10 אָקט.* |
| ר"ח כסלו | 21 נאָוו. | 11 נאָוו.* | 30 נאָוו.* | 19 נאָוו. | 8 נאָוו. |
| א' דחנוכה | 15 דעצ. | 5 דעצ. | 24 דעצ. | 13 דעצ. | 2 דעצ. |
| ר"ח טבת | 21 דעצ.* | 11 דעצ.* | 30 דעצ.* | 19 דעצ.* | 7 דעצ. |
| עשרה בטבת | 30 דעצ. | 20 דעצ. | 8 יאנואַר | 28 דעצ. | 16 דעצ. |
| ר"ח שבט | 19 יאנואַר | 9 יאנואַר | 28 יאנואַר | 17 יאנואַר | 5 יאנואַר |
| ר"ח אָדר | 18 פעבר.* | 8 פעבר.* | 27 פעבר.* | 16 פעבר.* | 4 פעבר.* |
| ר"ח אָדר שני | | 9 מערץ* | | | 6 מערץ* |
| תענית אסתר | 2 מערץ | 21 מערץ | מערץ 9 (מוקדם) | 28 פעבר. | 18 מערץ |
| פורים | 3 מערץ | 22 מערץ | 12 מערץ | 1 מערץ | 19 מערץ |
| ר"ח ניסן | 19 מערץ | 7 אַפּריל | 28 מערץ | 17 מערץ | 4 אַפּריל |
| א' פסח | 2 אַפּריל | 21 אַפּריל | 11 אַפּריל | 31 מערץ | 18 אַפּריל |
| ז' פסח | 8 אַפּריל | 27 אַפּריל | 17 אַפּריל | 6 אַפּריל | 24 אַפּריל |
| אחרון של פסח (יזכור) | 9 אַפּריל | 28 אַפּריל | 18 אַפּריל | 7 אַפּריל | 25 אַפּריל |
| ר"ח אייר | 18 אַפּריל* | 7 מאַי* | 27 אַפּריל* | 16 אַפּריל* | 4 מאַי* |
| ל"ג בעומר | 5 מאַי | 24 מאַי | 14 מאַי | 3 מאַי | 21 מאַי |
| ר"ח סיון | 17 מאַי | 5 יוני | 26 מאַי | 15 מאַי | 2 יוני |
| א' שבועות | 22 מאַי | 10 יוני | 31 מאַי | 20 מאַי | 7 יוני |
| ב' שבועות (יזכור) | 23 מאַי | 11 יוני | 1 יוני | 21 מאַי | 8 יוני |
| ר"ח תמוז | 16 יוני* | 5 יולי* | 25 יוני* | 14 יוני* | 2 יולי* |
| שבעה עשר בתמוז | 2 יולי | 21 יולי | 11 יולי | 1 יולי | 18 יולי |
| ר"ח אָב | 15 יולי | 3 אויג. | 24 יולי | 13 יולי | 31 יולי |
| תשעה באָב | 23 יולי | 11 אויג. | 1 אויג. | 22 יולי | 8 אויג. |
| ר"ח אלול | 14 אויג.* | 2 סעפּט.* | 23 אויג.* | 12 אויג.* | 30 אויג.* |

* דער טאָג בעפאַר איז דער ערשטער טאָג ראש חודש.

# נייע

# מאנישעוויטץ'ס 100%

# האול־וויט מצה־פּראָדוקטען

דער נאהרונגס-ווערטה פון האול-ווהיט איז שטענדיג אנערקענט געוואָרען. דער געזונדהייטס-ווערטה הויבט ערשט איצט אָן צו ווערען אָפּגעשאצט.

אין מאנישעוויטץ'ס האול-ווהיט מצה-פּראָדוקטען קריגט איהר די פולע געזונטע קראפט און נארהאפטיגקייט פון דעם גאנצען קערענדעל אין די אפּעטיטנע מצות, מצה-קרעקערס, מצה-מעהל. אלע זיינען געמאכט פון 100% האי גלוטען האול-ווהיט מעהל. גארניט ווערט צוגעגעבען. גארניט ווערט ארויסגענומען. און ווייל דער גאנצער ברען, די מינעראלען און די וויטאמינס זיינען דא אין דער ריכטיגער פּראָפּאָרציע אזוי ווי די נאטור האט געוואלט — דערפאר ווערט אינגאנצען מאָדיפיצירט דער מעט-מאכענדער סטארטש (קראכמעהל) וואס דער ווייץ ענטהאלט.

צוליעב אט די באשרענקונג פון סטארטש אינהאלט ווערען מאנישעוויטץ'ס האול-ווהיט פּראָדוקטען פארגעצויגען פאר וויים מעהל פּראָדוקטען פון מענשען וואס לייַדען פון דייעביטיס און פון די וואס זיינען אויף א באַגרעניצטע דיעטע. און אויך דערמיט וואס דער קערפער באקומט עקסטרא סטימולירונג דורך די גאנצע ברען וואס בלייבט אין די ווייץ און וואס איז זעהר ווערטפול אין רעגולירען די פונקציאָנירונג פון דעם מאָגען.

מאנישעוויטץ׳ס האול-ווהיט מצות און מצה-קרעקערס זיינען געשמאק, אפעטיטנע און קרוכלע, פול מיט געזונט און באַ׳טעמ׳טקייט. זיי זיינען גוט אליין פאר זיך, און ספעציעל באַ׳טעמ׳ט ווען סערווירט מיט פאַר־שיעדענע שפייזען.

באמערקונג: אין אַ סך רעסיפּיס פון דעם בוך, וואו עס ווערט אַנגעוויזען צו געברויכען אונזערע מצה־מעהל אָדער קעיק־מעהל, קען מען עס פארב׳יטען אויף מאַנישעוויטץ׳ס האול־ווהיט מצה־מעהל מיט צופריעדענשטעלענדע רעזולטאַטען . . . מאַנישעוויטץ׳ס האול־ווהיט מצה־פּראָדוקטען זיינען כשר לפּסח.

# אַ עכט ווייצענע שפּייז מאַנישעוויטץ׳ס סיריעל

אַט דאַ האָט איהר עטוואָס נייעס, פארשיעדען און געשמאק! א סיריעל צוגעגרייט לויט א ספעציעלען פּראָצעס פון די פארדייליכע טיילען פון געקליבענע ווייץ . . . אַט די נאַרהאַפטע און באַ׳טעמ׳טע סיריעל איז זעהר לייכט צוצוגרייטען. פ א ר ט י ג א י ן א מ י נ ו ט. גיט נאָר אריין די סיריעל אין זידענדיגע וואסער — און עס איז פארטיג צו סערווירען. שנעל געמאַכט! און מחיה׳דיג אַפּעטיטנע — א קרעפטיגענדע שפּייז פאר וואקסענדע קינדער; שנעלע ענערגיע פאר ארבייטער; און דאָך איז עס נענוג דעליקאט אז אַפילו די וואָס זיינען אויף א באַשרענקטער דיעטע קענען עס לייכט פאַרדייען. אַפּעטיטנע און צופריעדענשטעלענד מיט מילך, קריעם, צוקער אָדער פרוכט-זאַפטען אלס א ברעקפעסט-שפּייז אָדער דעזוירט... מאַנישעוויטץ׳ס סיריעל איז געשאַפען פאר׳ן טעגליכען געברויך, איז אָבער אויך כשר לפּסח...



## סטראָבערי שאָרטקעיק

4 אייער, ¾ קאָפּעס צוקער, ½ לימענע, (זאַפט און צע־ריבענע שאָלעכץ), ¼ טעה־לעפעלע זאלץ, ½ קאָפּע מאַני־שעוויטץ׳ס קעיק־מעהל.

שלאָגט אויף העלע געלעכלאך פון אייער מיט צוקער. גיט צו לי-מענע, זאלץ און איבערגעזיפּטע קעיק-מעהל ; לעגט אריין די גע-דיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסלאך פון די אייער. באַקט אין צוויי פלאכע פאנען אין א לייכט-געהייצטען אויוועז. ווען עס ווערט קאַלט, לעגט ארויף איין לעיער אויף א שיסעל. באדעקט מיט א סך סטראָבערים, גוט באצוקערטע. לעגט ארויף דעם אנדערען לעיער און באדעקט מיט זיסע און געווירצטע אויפגעשלאָגענע (וויפּד) קריעם.

# פענקעיקס

½ קאפּע מאנישעװיטץ'ס קעיק־מעהל, 2 אייער, 1 לעפּעלע צוקער, 1 לעפּעלע בעיקינג־פּױדער, ¼ לעפּעלע זאלץ, ½ קאפּע מילך אָדער הייסע װאַסער.

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו מילך און די אנדערע פּראָדוקטען (די טרוקענע), מישט אויס גוט, און לעגט אריין די קעיקס אין אַ אָנגעשמירטען בראָט-אייזען (גרידעל). װען דאָס טייג הויבט אָן בלעזלען, קערט איבער די פּענקעיקס און ברוינט אויף דער אַנדערער זייט. אויב איהר װילט נאָך אַ לייכטערען פּענקעיק, שלאָגט אויף די װייסליכע באַזונדער ביז זיי זיינען הארט, און װיקעלט איין דעם מיקסטשור צולעצט ביז געדיכט. פון דער רעסיפּי קענט איהר מאכען 6 קעיקס.

# באַ׳טעמ׳טע אידישע מאכלים

**וויכטיג:** — געברויכט א פ ל אַ כ ע מ אָ ס ביים צוגרייטען אַלע רעסיפּים. צופריעדענשטעלענדע רעזולטאַטען זיינען גאַראַנטירט ווען איהר פאָלגט נאָך גאַנץ גענוי די איינפאַך־אָנגעשריבענע דירעקשאָנס.

## מאקאראָנים

- ⅔ קאָפּעס מאַנישע־וויטץ׳ס קעיק־מעהל
- ⅓ קאָפּע קארטאָפּעל־מעהל
- 1 לעפעלע זאַלץ
- 1 קאָפּע צוקער
- 1 קאָפּע צעהאַקטע ניס
- 1 לימענע (זאַפט, און אַז איהר ווילט—די שאָלעכץ)
- 2 אויפגעשלאָגענע אייער

מישט אויס צוזאמען די שטאָפען, לויט דער אָנגעגעבענער אָרדנונג, נעמט א שטיקעל טייג אין האנד און מאכט דערפון א קייליכעל, מאכט עס פלאטשיג אָדער אין אַן אַנדער פאָרם ווי איהר ווילט, באקט עס אויף א קוקי־פּאַפּיער, וואָס איז באַדעקט מיט וואקס־פּאַפּיער. באקט אין א מעסיגען אויוועז (325 גראַד) פאר פינף און דרייסיג מינוט. צולעצט מאכט דעם אויוועז הייסער כדי די קעיקלאך זאָלען ארויסקומען ברוינער.

## „פּעטיעס" פון וועלשענע ניס

- 2 אייער
- 2 קאָפּעס געמאָהלענע צוקער
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס קעיק־מעהל
- 2 קאָפּעס גוט־צעריבענע וועלשענע ניס

שלאָגט אויף די אייער און צוקער, ביז עס ווערט לייכט. מישט אריין דערנאָך די וועלשענע ניס און קעיק־מעהל. לאָזט ארונטער פון א טעהלעפעלע אָט די מאסע אויף בעקעלאך באַשמירט מיט פעטס, איבערלאָזענדיג ארום 2 אינטשעס צווישען די „פּעטיעס". באַקט אין אַ מעסיגען אויוועז (325 גראַד) פאר א צוואנציג מינוט.

# די ב. מאַנישעוויטץ קאָמפּאַני

## ספּאָנדזש-קעיק, נומער 1

- 12 אייער
- 2 קאָפּעס צוקער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
- 1 לעפעלע קאַרטאָפּעל-מעהל
- 1 לימענע (צעריבענע שאָלעכץ און זאַפט)

שלאָגט אויף צוזאמען די געלעכלאַך פון די אייער מיט צוקער פאר 30 מינוט, וויקעלט איין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. גיט צו לימענע-זאפט און צעריבענע שאָלעכץ, מישט אויס די מצה-קעיק-מעהל און קאַרטאָפּעל-מעהל און וויקעלט איין, ביסלאכוויס. באקט אין א מעסיגען אויווען (325 גראַד) פאַר אַ שטונ-דע. איהר קענט צוגעבען 2 קאָפּעס צעריבענע ניס, אויב איהר ווילט.

## ספּאָנדזש-קעיק, נומער 2

- ½ קאָפּע מאנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
- ½ קאָפּע קאַרטאָפּעל-מעהל
- 1½ קאָפּעס צוקער
- 8 אייער
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- 1 לעפעלע וואַנילא
- ½ לעפעלע מאַנדלען-עקסטראַקט

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער מיט׳ן צוקער, ביז עס ווערט זעהר לייכט. זיפּט צוזאַ-מען די קעיק-מעהל און די קאַרטאָפּעל-מעהל און גיט צו צום פּאָריגען, גיט צו וואַנילא און מאנד-לען-עקסטראַקט, אָדער א פלייוואָר, לויט אייער טעם. שלאָגט אויף די ווייסליכע פון די אייער מיט דעם זאַלץ צו אַ געדיכטען שוים, און ווי-קעלט איין. באַקט אין א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאַר אַ שטונדע און אַ פיערטעל.

## נוס-קעיק

- 1 קאָפּע מאנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 4 אייער
- 1 קאָפּע צוקער
- 1 קאָפּע וועלשענע ניס
- 1½ טעה-לעפעלאך בייקינג-פּוידער
- ¼ טעה-לעפעלע זאַלץ
- 1 טעה-לעפעלע וואַנילא

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער און צו-קער צוזאמען ביז עס ווערט זעהר לייכט. לעגט אַריין די וועלשענע ניס און מעהל אין א פלייש-מיהל, מישט אויס מיט דעם בייקינג-פּאודער, און גיט צו צו די געלעכלאַך און צוקער. גיט צו וואַנילא, און מישט אַריין די ווייסליכע פון די אייער, וועלכע זיינען געדיכט אויפגעשלאָגען. גיט צו זאַלץ צו די ווייסליכע. באַקט אין צוויי לייער קעיק בעקעלעך, אין וועלכע איהר האָט אויסגעשפּרייט וואקס-פּאַפּיער, פאר א האלבע שטונדע — אין א מעסיגען אויווען. ווען עס איז אָפּגעקיהלט, באדעקט מיט „פלעיוואָרד" און באַ-צוקערטע „ווהיפּד" קריעם צווישען די לייערס און פון אויבען. אויב מעגליך, לאָזט עס שטעהן אַ שטונדע אָדער צוויי איידער איהר סערווירט עס, און דער פלעיוואָר און קוואליטי וועלען זיין פיעל בעסער.

# סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקא

## ספּאָנדזש-קעיק, נומער 3

- 6 אייער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
- 1 קאָפּע צוקער
- 1 לעפּעל קאַרטאָפּעל-מעהל
- 1 לימענע (בלויז די זאַפּט)
- 1 לעפּעלע ארענדזש-עקסטראקט

שלאָגט אויף די ווייסליכע ביז זיי ווערען געדיכט. שלאָגט אריין דעם לימענע-זאַפּט און אַרענדזש-עקסטראקט, דאַן דעם צוקער, צוגעבענדיג עס ביסלאכוויים. גיט צו דאַן די געלעכלאַך, לייכט אויפגעשלאָגען, און צולעצט וויקעלט אַריין די קאַרטאָפּעל-מעהל און קעיק-מעהל וואָס מען דאַרף צוזאַמען גוט איבערזיפּען. באַקט פּאַר איין שטונדע אין אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד. קערט איבער דאָס בעקעלע און לאָזט עס אָפּקיהלען איידער איהר נעמט אַרוים די קעיק.

## טשאָקאָלאַט-קעיק

- ½ קאָפּע מאנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
- 4 לעפּעלאך טשאָקאָלאט אָדער קאָקאָ
- ½ קאָפּע צוקער
- ¼ פונט זיסע מאנדלען
- ¼ פונט ראָזשינקעס
- 1 ארענדזש
- 4 אייער

שלאָגט אויף די געלעכלאך מיט איבערגעזיפּטע דינע צוקער. גיט צו די צעריבענע מאנדלען, די טשאָקאָלאט אָדער קאָקאָ, ראָזשינקעס און גוט-איבערגעזיפּטע קעיק-מעהל און דעם זאפט פון ארענדזש, און צולעצט די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. באקט איין שטונדע אין א מעסיגען אויווען אין א בעקעלע וואָס איז אויסגעשפּרייט מיט פּאַפּיער אָנגעשמירט מיט פעטס.

## נים-קוכען

- 6 אייער
- 6 עס-לעפעל צוקער
- ½ קאָפּע צעהאַקטע נים
- 6 עס-לעפּעל מאנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
- 1 טעה-לעפּעלע בייקינג-פּוידער
- 1 לימענע, בלויז די זאַפּט

מישט אוים די צוקער מיט די געלעכלאך פון די אייער, גיט צו נים, מעהל און בייקינג פּוידער און שלאָגט גוט אויף. גיט צו לימענע-זאַפּט און לעגט אַריין די האַרט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. באקט אין א מעסיגען אויווען און באַדעקט עס מיט לימענע-אייסינג וואָס איז געמאכט ווי פּאָלגט: 2 ווייסליכע פון אייער, 1 לימענע, צעריבענע שאָלעכץ און ווייכע פּאָלפּ, 1½ קאָפּעס „קאָנפעקשאָנערס 4× צוקער", שלאָגט אויף האַרט די ווייסליכע פון די אייער, גיט צו די צוקער ביסלעכוויים אויפשלאָגענדיג ביז עס ווערט געדיכט גענוג אום צו באַשמירען דעם קוכען. שלאָגט אריין די לימענע-שאָלעכץ און דעם פּאָלפּ.

## מאַנדעל-קעיק

- 10 אייער
- 2 קאָפּעס צוקער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל אָדער מצה-מעהל
- 1 קאָפּע אָפּגעשיילטע און צעריבענע מאַנדלען
- 1 טעה-לעפעלע וואַנילא
- ¼ טעה-לעפעלע זאַלץ

צעשלאָגט די געלעכלאַך פון די אייער און צוקער ביז עס ווערט לייכט און שוימיג. גיט צו די מעהל, די מאַנדלען און די וואַנילא. גיט צו זאַלץ צו די ווייסליכע פון די אייער און שלאָגט אויף ביז עס ווערט האַרט, וויקעלט עס איין אין דעם קעיק-מיקסטשור. באַקט עס אין אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאַר אַ שטונדע און צעהן מינוט. דאָס בעקעלע דאַרף זיין אויסגעשפּרייט מיט וואַקס-פּאַפּיער, אָדער געבּרויכט אַ בעקעלע מיט א דנאָ וואָס מען קען ארויסנעמען. מען קען אויך צוגעבען, ווען מען וויל, די זאַפּט און צעריבענע שאָלעכץ פון איין לימענע.

## עפּעל-קעיק, נומער 1

- 8 עפּעל (אָפּגעשיילט און צעריבען)
- 8 אייער
- ¾ קאָפּעס צוקער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- ¼ קאָפּע צעריבענע מאַנדלען
- 1 לעפעלע ארענדזש-זאַפּט
- 1 לעפעלע צימרינג.
- ¼ לעפעלע זאַלץ

שלאָגט אויף די ווייסליכע פון די אייער, ביז זיי ווערען געדיכט, צוגעבענדיג זאַלץ. שלאָגט אַריין דעם צוקער, די געלעכלאַך. גיט צו די עפּעל, מצה-מעהל, די מאַנדלען, דעם צימרינג און צולעצט דעם ארענדזש-זאַפּט. באַקט אין אַ הייסען אויווען (325 ביז 350 גראַד) פאַר א שטונדע ביז אַ שטונדע און א פיערטעל.

## עפּעל-קעיק, נומער 2

- 8 אייער
- ¾ קאָפּעס צוקער
- 6 לעפעל מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- 1 לעפעלע לימענע-עקסטראקט
- 4 עפּעל
- ⅔ קאָפּעס ראָזשינקעס
- ½ לעפעלע זאַלץ

שיילט אָפּ די עפּעל און שניידט עס אין דינע רייפטלאַך, מישט עס אוים מיט 2 לעפעל קעיק-מעהל און א פיערטעל קאָפּע צוקער און גיט צו די ראָזשינקעס, מאַכט דאַן אַ ספּאָנדזש-קעיק-מיקסטשור פון די איבערגעבליבענע שטאָפען, אויפשלאָגענדיג די געלעכלאַך און א האַלבע קאָפּע צוקער, ביז זיי זיינען לייכט. גיט צו די איבערגעבליבענע פיער לעפעל קעיק-מעהל, זאַלץ און לימענע עקסטראקט, צולעצט וויקעלט עס איין אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. לעגט אריין א העלפט פון דער ספּאָנדזש-קעיק-מיקסטשור אין א קעיק-בעקעלע, לעגט אוועק איבער דעם די עפּעל-מיקסטשור און פון אויבען די פאַרבליבענע טייג. באַקט אין אַ מעסיגען אויווען (45 ביז 50 מינוט) אין א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד.

## ספּאָנדזש קעיק, נומער 4

- 1½ קאָפּעס מאַנישעווויטץ'ס קעיק-מעהל
- 2 קאָפּעס צוקער
- 1 לימענע (בלויז די צעריבענע שאָלעכץ)
- 8 אייער

שלאָגט אויף צוזאמען די אייער, צוקער, לימענע שאָלעכץ ביז עס ווערט לייכט, — אזוי דיק ווי א קאסטארד, דאן וויקעלט איין די מעהל לאנגזאם, באקט אין א מעסיג-געהייצטען אויוון, (350 גראד) ארום 45 מינוט.

## ספּאָנדזש-קעיק, נומער 5

- 1 קאָפּע מאנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- 1½ קאָפּעס צוקער
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- 1 לימענע (די זאפט און צעריבענע שאָלעכץ)
- 8 אייער

טיילט אָפּ די געלעכלאך פון די ווייסליכע, שלאָגט אויף די ווייסליכע ביז עס ווערט געדיכט און גיט צו זאלץ, שלאָגט אויף די געלעכלאך מיט צוקער ביז עס ווערט לייכט, דאן גיט צו די לימענע זאפט און צעריבענע שאָלעכץ, קעיק-מעהל און וויקעלט איין אין די אויפגעשלאָגענע ווייסליכע. שפּרייט אויס דאָס בעקעלע מיט וואקס-פּאַפּיער און באקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויוון, (325 גראד) פאר א שטונדע און א פיערטעל.

## דזשעלי ראָל

- ½ קאָפּע מאנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- 4 אייער
- ½ קאָפּע צוקער
- ¼ טעה-לעפעלע זאַלץ
- צעריבענע שאָלעכץ פון אַ האַלבער אָרענדזש אָדער לימענע

שלאָגט אויף צוזאמען די געלעכלאך פון אייער און צוקער ביז עס ווערט לייכט, גיט צו די צעריבענע שאָלעכץ און קעיק מעהל, וועלכע איז איבערגעזיפּט געוואָרען דריי מאָל. גיט צו זאלץ צו די ווייסלאך פון די אייער, שלאָגט אויף ביז עס ווערט הארט, און לייגט אַריין אין טייג. שפּרייט אויס וואקס-פּאַפּיער אין א פאן ארום 8 אינטשעס ביי 12, שפּרייט אויס דעם טייג, באַקט אין א טעמפּעראַטור פון 350 גראַד, פאר 12 מינוט, ווען פארטיג, נעמט ארויס דאָס פּאפּיער און לעגט אויף א פייכטען שטיקעל טוך פאר א פּאָר מינוט, דאן קערט עס איבער אויף וואקס-פּאַפּיער באשפּרענקעלט מיט דינעם צוקער. נעמט אוועק די פּאַפּיער פון דעם קעיק, באַשמירט מיט דזשעלי (גלאט אויפגעשלאָגען) אָדער געקאָכטע פראַסטינג און וויקעלט צוזאמען. פארפּאקט אין וואקס-פּאַפּיער, דאן אין דעם פייכטען טוך פאר 15 מינוט, כדי די ראָל זאָל אָנהאלטען זיין שעיפּ, דאן נעמט אוועק דעם ראפּער און באַשפּרענקעלט מיט דינעם צוקער.

## ספּאַנדזש-קעיק, נומער 7

9 אייער
1½ קאָפּעס דינע צוקער
½ לימענע
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
½ קאָפּע קאַרטאָפּעל-מעהל

מישט אויס די געלעכלאַך פון די אייער מיט צוקער, אויפשלאָגענדיג עס ביז עס איז זעהר לייכט, גיט צו לימענע זאַפט, דאַן מצה-מעהל און קאַרטאָפּעל-מעהל, נאָך דעם ווי איהר האָט זיי איבערגעזופּט צוזאַמען א פּאָר מאָל. מישט אריין די האַרט אויפגעשלאָגענע ווייסלאַך פון אייער און באַקט אין א מעסיג-געהייצטען אויוון (325 גראַד). געברויכט א בעקעלע פון וועלכען דער דנאָ קומט אַרויס אָדער שפּרייט אויס וואַקס-פּאַפּיער אין בעקעלע. ווען פאַרטיג, קערט איבער דאָס בעקעלע און לאָזט דעם קייק אָפּקיהלען איידער איהר נעמט איהם אַרויס.

## מאַנדלען טאָרט

5 אייער (די ווייסליכע אָפּגעטיילט פון די געלעכלאַך)
1 קאָפּע צוקער
1 קאָפּע מאַנדלען (צעמאַהלען ניט - אָפּגעשוילטערהייט)
¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
1 לעפעלע בייקינג-פּוידער
1 לעפעלע צימרינג
¼ לעפעלע נעגעלאַך

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער, צוגעבענדיג די צוקער ביסלאַכוויים, ביז די מיקסטשור איז געדיכט און קריגט דעם קאָליר פון א לימענע, דאַן גיט צו די מאַנדלען און די אַנדערע טרוקענע שטאָפען. מישט זיי אויס גוט, צולעצט וויקעלט אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. שפּרייט אויס די בעקעלע מיט וואַקס-פּאַפּיער און באַקט אין א מעסיגען אויוון (325 גראַד) פאַר 1 שטונדע. ווען פאַרטיג, קערט איבער דאָס פענדעל און לאָזט דעם קייק אָפּקיהלען איידער איהר נעמט אַרויס.

## אַרענדזש נאָט-קעיק

6 אייער
1 קאָפּע צוקער
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
2 לעפעל קאַרטאָפּעל-מעהל
½ קאָפּע צעריבענע ניס
¼ לעפעלע זאַלץ
1 לעפעלע אַרענדזש-עקסטראַקט

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער און דעם צוקער ביז זיי זיינען לייכט. זיפּט איבער צוזאַמען די קעיק-מעהל און קאַרטאָפּעל-מעהל און גיט עס צו, דאַן מישט אַריין די ניס און די פלייוואָרינג. שלאָגט אויף די ווייסליכע פון די אייער ביז זיי זיינען געדיכט, צוגעבענדיג זאַלץ. וויקעלט זיי אַריין לייכט אין דער מיקסטשור, און באַקט אין א מעסיגען אויוון (325 גראַד) פאַר 45 ביז 60 מינוט. שפּרייט אויס דאָס בעקעלע מיט וואַקס-פּאַפּיער.

## סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקא

### ווייַן-קעיק

12 אייער
1 קאַפּע צוקער
1 קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
1 קאַפּע ווייַן אָדער אַן אַנדער געטראַנק
1 לעפעלע צימרינג
1 קאַפּע צעריבענע וועלשענע ניס
½ לעפעלע זאַלץ

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער, צוזאַמען מיט דעם צוקער, ביז עס ווערט לייכט און קריגט א לימענע-קאָליר. מישט עס דערנאָך אוים אין דעם ווייַן, גיט צו קעיק-מעהל, זאַלץ, צימרינג און די ניס. צולעצט וויקעלט איין אין די גֿעדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון אייער. באַקט אין א געוועהנליך-אָנגעהייצטען אויוועןן (325 גראַד טעמפּעראַטור) פאַר איין שטונדע. ווען פאַרטיג, קערט איבער דאָס בעקעלע און לאָזט דעם קעיק אָפּקיהלען איידער איהר נעמט עס אַרויס. א האַלבע פּאָרציע פון דער רעסיפּי פּילט אָן א געוועהנליכען „טיוב פען“.

### וואָלנאַט-קעיק

½ קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
9 אייער
½ פונט דינער (פּודער) צוקער (1⅓ קאַפּעס)
1½ קאַפּעס צעריבענע וואָלנאַטס (וועלשענע ניס)
¼ לעפעלע זאַלץ
1 לעפעלע וואַנילא

שלאָגט אויף אין א קרים די געלעכלאַך פון די אייער מיט דעם צוקער, גיט צו די גוט-געזיפּטע קעיק-מעהל, זאַלץ און וואַנילא. מישט אוים מיט די צעריבענע וואָלנאַטס און וויקעלט איין אין לייכט און געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. באַקט אין א מעסיגען אויוועןן (325 גראַד) פאַר פופציג מינוט. קערט איבער דאָס בעקעלע און לאָזט דעם קעיק אָפּקיהלען איידער איהר נעמט איהם אַרויס.

### אָרענדזש פלאַף-קעיק

7 אייער
1½ קאַפּעס צוקער
½ קאַפּע אָרענדזש-זאַפט
½ לימענע (בלויז דעם זאַפט)
1 קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
½ לעפעלע בייקינג-פּודער
¾ לעפעלאַך קרים אָף טאַרטאַר

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער ביז זיי ווערען לייכט, גיט צו דעם צוקער ביסלאַכווייס, איבערזיפּענדיג דעם צוקער 5 מאָל. שלאָגט אויף ווייטער ביז עס ווערט לייכט, גיט צו דעם אָרענדזש און לימענע-זאַפט. זיפּט איבער צוזאַמען די קעיק-מעהל און בייקינג פּאודער און וויקעלט זיי איין אין דער מיקסטשור. שלאָגט אויף די ווייסליכע ביז זיי ווערען שוימענדיג, דאַן גיט צו די קרים אָף טאַרטאַר און שלאָגט אויף ביז עס ווערט געדיכט. וויקעלט איין די ווייסליכע פון די אייער, גיסט אַריין די מיקסטשור אין אַ פּעטענט-טיוב-פּענדעל און באַקט אין אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאַר 50 מינוט. קערט איבער דאָס בעקעלע און לאָזט דעם קעיק אָפּקיהלען איידער איהר נעמט איהם אַרויס.

## טשאָקאָלאַט ספּאָנדזש קעיק

6 גרויסע (אָדער 7 קליינע) אייער
1 קאָפּע צוקער
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
3 עס-לעפעל קאַקאָ
½ קאָפּע צעהאַקטע ניס
2 עס-לעפעל וואַסער
1 טעה-לעפעלע וואַנילא

שלאָגט אויף די ווייסלאַך פון די אייער האַרט, דאַן גיט צו צוקער ביסלאַכווייז. שלאָגט אויף די געלעכלאַך פאַר 5 מינוט און מישט אַריין אין די ווייסלאַך און צוקער. זיפּט איבער צוזאַמען קעיק-מעהל און קאָקאָ און לייגט אריין אין דער אייער מיקסטשור ביסלאַכווייז. גיט צו וואסער לאַנגזאַם, לייגט אריין די ניס, גיט צו וואַנילא און באַקט אין א מעסיגען אויוון, 325 גראַד, אַרום 45 מינוט.

## פּעדער קעיק

⅓ קאָפּע „שאָרטענינג“
1 קאָפּע צוקער
4 אייער
1 אָרענדזש, בלויז צעריבענע שאָלעכץ
½ קאָפּע מילך
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
½ קאָפּע קאַרטאָפעל-מעהל
3 טעה-לעפעלאַך בעיקינג-פּוידער
½ טעה-לעפעלע זאַלץ

שלאָגט אויף די שאָרטענינג, ביז עס ווערט ווי אַ קריעם, גיט צו צוקער ביסלאַכווייז, דאַן די גוט-אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך פון אייער און שאָלעכץ פון אָרענדזש. זיפּט איבער צוזאַמען די טרוקענע שטאָפען און גיט צו אַבוועקסלענדיג מיט מילך. מישט צו די האַרט אויפגעשלאָגענע ווייסלאַך פון אייער, לייגט אין א פּענדעל באַשמירט מיט פעטס און באַקט אין א מעסיגען אויוון אַרום 45 מינוט.

## קאַקאָ-ניס קעיק

10 אייער
⅔ קאָפּעס צוקער
⅔ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
1 לימענע (צעריבענע שאָלעכץ און זאַפט)

1 קאָפּע קאַקאָ-ניס
½ קאָפּע צוקער
2 לעפעל קאַקאָ
⅔ קאָפּעס ראָזשינקעס
די ווייסליכע פון 2 אייער

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער מיט דעם צוקער ביז זיי זיינען לייכט, גיט צו די לימענע-זאַפט און צעריבענע שאָלעכץ, און גיט צו דאַן די קעיק-מעהל, וויקעלט איין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, מישט אויס דערנאָך צוזאַמען די קאַקאָ-ניס, ראָזשינקעס, קאַקאָ און א האַלבע קאָפּע צוקער. לעגט אריין אַ העלפט פון די קעיק-מיקסטשור אין פּענדעל, און מאַכט דערנאָך א לעיער פון דער קאַקאָ-ניס מיקסטשור און באַדעקט מיט די איבערגעבליבענע העלפט פון די קעיק-מיקסטשור. באַקט אין א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאַר 50 ביז 60 מינוט. ווען פאַרטיג באַשמירט עס מיט די צוויי געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער און באַשפּרענקעלט מיט צוקער.

## קאַקאַ-טאָרט

8 אייער
1 קאַפּע צוקער
⅔ קאַפּעס קאַקאַ
¼ קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
1 טעה-לעפעלע בעיקינג-פּוידער
1 קאַפּע קאַמבינירט פון ראָזשינקעס, לימענע און צעמאַהלענע ניס

שלאָגט צוזאמען די געלעכלאך פון די אייער און צוקער ביז עס איז לייכט און האָט דעם קאָליר פון לימענע. גיט צו די קאַקאַ און די פרוכט גע-מישט מיט דער מעהל, בייקינג פּוידער און ניס. וויקעלט איין אין די גערדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, און באַקט אַ שטונדע ביי אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד. שפּרייט אויס דאָס בעקעלע מיט וואַקס-פּאַפּיער סיידען אַ פּעטענט-ספּאָנדזש-קעיק-בעקעלע ווערט גע-ברויכט.

## טייטלען-קעיק

1 קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
1¼ קאַפּעס צוקער (אַם בעסטען איז פּוידער-צוקער)
8 אייער
2 קאַפּעס גוט-צעשניטענע טייטלען
5 לעפעלאך צימרינג
1 לעפעלע נעגעלאך
1 לימענע

שלאָגט צוזאמען די געלעכלאך און דעם צוקער ביז זיי זיינען זעהר לייכט. גיט צו קעיק-מעהל, געווירצען, לימענע-זאַפט און די טייטלען, צו-לעצט וויקעלט איין אין די גערדיכט-אויפגעשלאָ-גענע ווייסליכע פון די אייער און באַקט אין אַ מעסיג-אָנגעהייצטען אויוועז (פון 325 ביז 350 גראַד) פון 45 ביז 60 מינוט.

## רעספּבערי קעיק

1 קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל (אָדער אַ האַלבע קאַפּע מצה-מעהל און אַ האַלבע קאַפּע קארטאָפעל-מעהל)
1½ קאַפּעס צוקער
8 אייער
1 לימענע (צעריבענע שאָלעכץ און זאַפט)
2 לעפעל מאַלינע (רעספּ-בערי) איינגעמאַכטץ
2 לעפעל צעמאַהלענע וועלשענע ניס
¼ לעפעלע זאַלץ

שלאָגט אויף די געלעכלאך פון די אייער מיט צוקער, ביז עס ווערט לייכט, גיט צו צעריבענע שאָלעכץ און לימענע-זאַפט, די איינגעמאַכטס (צעלאָזט די איינגעמאַכטס אויב עס איז הארט), גיט צו דערנאָך די ניס און די מצה-מעהל. שלאָגט אויף די ווייסליכע פון די אייער מיט זאַלץ ביז עס ווערט הארט, דאַן וויקעלט איין אין דעם קעיק-מיקסטשור. שפּרייט אויס דאָס בעקעלע מיט וואַקס-אַפּיער און לעגט אריין דעם קעיק-מיקסטשור, און באַשפּרענקעלט עס מיט אַביסעל צעריבענע וועלשענע ניס. באַקט אין אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאַר איין שטונדע. אויב איהר ווילט קענט איהר עס באַקען אין צוויי לעיערס, אריינלעגענדיג די מאַלינע-איינגע-מאַכטס צווישען איין לעיער און דעם צווייטען און אַ ווייסע „אייסינג“ אויבען און אין די זייטען.

## אָריענט קעיק

- 8 אייער
- 1½ קאָפּעס פּוידער־צוקער
- 1 לימענע (בלויז די צריבענע שאָלעכץ)
- 1 לעפעלע אָל־ספּייס
- 2 לעפעלעך צימרינג
- 1 קאָפּע צעמאָהלענע מאַנדלען
- 2 שטיקלאך צריבענע טשאָקאָלאַט
- 1 ארענדזש (בלויז די זאַפּט)
- 3 לעפעל וויין
- ¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל

גיט צו צו די געלעכלאך צוקער און מישט אויס גוט ביז עס ווערט א מאסע, גיט צו די צעריבענע לימענע שאָלעכץ, טשאָקאָלאַט, געווירצען, דאַן דעם ארענדזש-זאַפּט, וויין און ניס. זיפּט איבער די מעהל אַ פּאָר מאָל און גיט צו, וויקעלט עס איין דאַן אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. שפּרייט אויס דאָס בעקעלע מיט וואקס-אַפּיער און באַקט אין אַ מעסיג-אָנגעהייצטען אויוועז (325 גראד) פאר אַ שטונדע.

## באָסטאָן פּאַי

- ⅓ קאָפּע פּוטער
- 1 קאָפּע צוקער
- 4 אייער
- ½ טעה־לעפעלע וואַנילא
- ¼ טעה־לעפעלע זאַלץ
- ¼ קאָפּע מילך
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק־מעהל
- 3 טעה־לעפעלאך בייקינג פּוידער

מישט אויס די פּוטער און צוקער, גיט צו די אויפגעשלאָגענע געלעכלאך פון די אייער, די וואַנילא, זאלץ און מילך. שלאָגט אויף די ווייסלאך הארט און מישט אריין. זיפּט איבער די קעיק-מעהל מיט דעם בייקינג פּאודער און לעגט אַריין צולעצט. באַקט אין לעיער קעיק בעקעלאך אין אַ מעסיג-געהייצטען אויוועז. צווישען די לעיערס לעגט אריין דעם פאָלגענדען פילינג: קאָכט א האלבע קאָפּע צוקער און א האלבע קאָפּע וואַסער ביז די צוקער ווערט צעלאָזען, דאַן גיט צו דעם זאַפּט פון דריי-פיערטעל לימענע. מישט 3 טעה-לעפעלאך קאָרנסטארטש מיט איין עס-לעפעל קאַלטע וואַסער און גיסט אַריין אין סירופּ. קאָכט ביז עס ווערט געדיכט, דאַן נעמט אוועק פון פייער און מישט אריין די הארט-אויפגעשלאָגענע ווייסלאך פון 2 אייער. נאָך דעם ווי איהר האָט דאָס געלעגט צווישען די לעיערס, לעגט אַרויף אויבען טשאָקאָלאַט-אייסינג געמאכט ווי פאָלגט:
1 קאָפּע 4X צוקער, 1 טעה-לעפעלע צעלאָזענע פּוטער, 1 און א האלב סקווערס ביטערע טשאָקאָלאַט, 1 טעה-לעפעלע קריעם, 1 ניט-אויפגעשלאָגען ווייסעל פון אַן איי, איין פיערטעל טעה-לעפעלע וואַנילא. גיט צו צוקער צו די ווייסלאך ביסלעכוויים, אויפשלאָגענדיג עס מיט אַ גאָפּעל. גיט צו פּוטער, צעלאָזענע טשאָקאָלאַט און קריעם. שלאָגט אויף ביז עס איז גרייט אָנצושמירען.

# סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקא

## פרוכט-קעיק

- ½ פונט פוטער
- 2 קאָפּעס ברוינעם צוקער
- 1 קאָפּע שוואַרצע קאָפע
- 1 לעפעלע סאָדע
- 1 לעפעלע קריעם אָף טאַרטאַר
- 1 קאָפּע סירופ
- 1 לעפעלע זאַלץ
- 3½ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה-קעיק-מעהל
- 6 אייער (באַזונדער אויפגעשלאָגען)
- 1 לעפעלע איינגעמאַכץ
- 1 קאָפּע גרעיפ-דזשוס
- 1 קאָפּע קאַרשען
- 1 קאָפּע טייטלען
- 1 קאָפּע מאַנדלען
- 1 קאָפּע פּיקאָן-ניס
- 1 קאָפּע אירגענד וועלכע אַנדערע ניס
- 1 לעפעלע אָל-ספּיים
- 1 לעפעלע צימרינג
- 1 לעפעלע נאָטמעג
- 1 קאָפּע ראָזשינקעס
- 1 קאָפּע וויינפּערלאך
- 1 קאָפּע ציטראָן
- ½ קאָפּע געצוקערטע אָרענדזש-שאָלעכץ
- ½ קאָפּע געצוקערטע לימענע-שאָלעכץ

גרייט צו אַלע אויסגערעכענטע פרוכטען, צעשניידט די טייטלען, קאַרשען, ציטראָן און אָרענדזש און לימענע-שאָלעכץ אויף קליינע שטיקלאך. וואַשט די ראָזשינקעס און וויינפּערליך, און באַדעקט זיי מיט אַ האַלבע קאָפּע קעיק-מעהל. צעמאָהלט די ניס און מעסט אָפּ די אַלע איבעריגע שפּייז-אַרטיקלען. צעפיהרט אין דער קאָפּע די סאָדע און דעם טאַרטאַר-קרים. שלאָגט אויף די אייער באַזונדער. דאַן מאַכט אַ קרים פון דעם פוטער און צוקער און גיט צו די אויפגעשלאָגענע געלעכלאך. גיט אויך צו קאָפּע אין וועלכער עס איז צעפיהרט די סאָדע און דער טאַרטאַר-קרים. דאַן גיט צו דעם סירופ, איינגעמאַכץ און גרעיפ-דזשוס. מישט אויס צוזאַמען די קעיק-מעהל, מיט זאַלץ און די געווירצען, און גיט צו צום איבעריגען. מישט עס אויס מיט די פרוכט און ניס און וויקעלט אין די גוט אויפגעשלאָגענע ווייסליכע. באַקט פאַר 2 שטונדען אין אַ געוועהנליך-אָנגעהייצטען אויווען (300 גראַד טעמפּעראַטור). שפּרייט אויס דאָס בעקעלע מיט וואַקס-פּאַפּיער.

## ספּאָנדזש-קעיק, נומער 6

- 6 אייער
- 1⅓ קאָפּעס צוקער
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- ½ קאָפּע קאַרטאָפּעל-מעהל
- ¼ קאָפּע הייסע וואַסער
- ¼ טעה-לעפעלע זאַלץ
- לימענע-זאַפט און צעריבענע שאָלעכץ (פון איין לימענע)

צעשלאָגט די געלעכלאך פון די אייער און די צוקער ביז זיי ווערען לייכט, גיסט אַריין הייסע וואַסער און די זאַפט און צעריבענע לימענע-שאָלעכץ, זיפּט דורך צוזאַמען די קעיק-מעהל און די קאַרטאָפּעל-מעהל און גיט צו צו דעם מיקסטשור. וויקעלט דאַן איין אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער מיט זאַלץ, ביז עס ווערט האַרט, שפּרייט אויס דאָס בעקעלע מיט פייכטע פּאַפּיער אָדער וואַקס-פּאַפּיער און באַקט דעם קעיק פאַר אַ שטונדע און אַ האַלב אין אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד, ווען פאַרטיג, קערט איבער און לאָזט אָפּקיהלען איידער איהר נעמט עס אַרויס.

## געווירצטער קעיק

1 קאָפּע צוקער
1 קאָפּע ראָזשינקעס
1 קאָפּע וואַסער
½ קאָפּע שאָרטעניגג
3 אייער
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק־מעהל
1 טעה־לעפּעלע ענגלישע פּעפּער
1 טעה־לעפּעלע נעגעלאַך
1 טעה־לעפּעלע קאַקאָ
1 טעה־לעפּעלע צימרינג
¼ טעה־לעפּעלע זאַלץ
2 טעה־לעפּעלעך בייקינג־פּוידער
½ טעה־לעפּעלע סאָדע

קאָכט אינאיינעם פאַר 5 מינוט די צוקער, ראָזשינקעס, וואַסער און שאָרטעניגג. ווען עס איז קאַלט, שלאָגט אריין די אייער איינציגוויים, דערנאָך גיט צו די טרוקענע שטאָפען, וועלכע זיינען צוזאמען געזיפּט געוואָרען. שפּרייט אויס וואַקס-פּאַפּיער אין א פלאַך בעקעלע, לעגט אריין טייג און באַקט אין אַ טעמפּעראַטור פון 300 גראַד ארום 45 מינוט.

## ארענדזש טאָרט

5 אייער
1 קאָפּע צוקער
¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
½ קאָפּע צעמאָהלענע ניס
1 טעה־לעפּעלע בייקינג־פּוידער
צעריבענע שאָלעכץ פון איין לימענע און פון איין ארענדזש
2 עס־לעפּעל ארענדזש־זאַפט
1 טעה־לעפּעלע צימרינג
½ טעה־לעפּעלע נעגעלאַך

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער מיט צוקער, ביז עס ווערט לייכט. גיט צו די צעריבענע לימענע און ארענדזש־שאָלעכץ און די ארענדזש־זאַפט און ניס. מישט צוזאמען און גיט צו די מעהל, בייקינג פּוידער און געווירצען, וויקעלט איין אין די געדיכט־אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, שפּרייט אויס די בעקעלע מיט וואַקס-פּאַפּיער, און לעגט אריין קעיק-מיקסטשור און באַקט ביי א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאַר אַ שטונדע צייט.

## טשאָקאָלאַט מאַקארונס, נומער 2

ווייסלאַך פון 5 אייער
1 קאָפּע צוקער
⅛ פונט זיסע טשאָקאָלאַט
1 טעה־לעפּעלע וואַנילא
2 קאָפּעס צעהאַקטע ניס
3 עס־לעפּעל מאַנישעוויטץ'ס קעיק־מעהל

שלאָגט אויף די ווייסלאַך פון אייער זעהר הארט, דאַן שלאָגט אריין די צוקער ביסלעכוויים. צעלאָזט די טשאָקאָלאַט איבער היים וואסער און גיט צו, דאַן גיט אריין די ניס, קעיק-מעהל און וואַנילא. לעגט אוועק אויף אַ טעלער, פאַרשפּרייט מיט וואַקס-פּאַפּיער און באַקט 20 מינוט אין א טעמפּעראַטור פון 300 גראַד. ווען עס איז קיהל, נעמט זיי ארונטער פון פּאַפּיער מיט א לאָפּעטקעלע.

# פיין מצה בעקערס

## קאַניש-ברויט

- 2 קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 1 לעפּעלע קאַרטאָפּעל-מעהל
- 2 קאָפּעס צעהאַקטע ניס
- 2 קאָפּעס צוקער
- ½ לימענע (בלויז דעם זאַפּט)
- 1 לעפּעלע פּוטער אָדער אַנדערע פעטס
- ½ לעפּעלע זאַלץ
- 6 גוט-אויפגעשלאָגענע אייער

מישט צוזאמען אלע שטאָפּען, און מאכט אַ האַר-טען טייג. שמירט אָן מיט פעטס אַ ברויט-בע-קעלע און לעגט אריין די טייג, באשמירענדיג פון אויבען מיט אַ געלעכעל פון אַן איי. באַקט אין אַ מעסיגען אויוועו (325 גראַד) פאר איין שטונדע.

## טייטלען „קאָפּ קעיק"

- ¾ קאָפּעס צוקער
- 3 אייער
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 2 טעה-לעפעלאך בייקינג-פּוידער
- 1 קאָפּע טייטלען, גוט צעשניטען
- 1 קאָפּע צעהאַקטע ניס
- ¼ טעה-לעפעלע וואַנילא
- ¼ טעה-לעפעלע לעמאָן-עקסטראַקט
- ¼ טעה-לעפעלע ארענדזש עקסטראקט

שלאָגט אויף די געלעכלאך פון אייער און צו-קער צוזאמען, גיט צו ניס, טייטלען און פליי-וואָרינג. מישט צו די האַרט אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון אייער, דאַן די מעהל און בייקינג-פּאודער, וועלכע זיינען איבערגעזופּט, צוזאמען. באַקט אין אַ מאָפין בעקעלע פאר 45 מינוט אין אַ מעסיגען אויוועו. אויב איהר ווילט, באקט אויף איין שטיק פּאַפּיר, צעשנייט אויף סקווערע שטיקלאך און סערווירט מיט אויפגעשלאָגענע קריעם.

## טשאָקאָלאַט מאַקאַרונס, נומער 1

- 1 קאָפּע צוקער
- ½ קאָפּע פּוטער (אַ ¼ פונט)
- 4 אייער
- ½ פונט מאַנדלען-פּייסט
- ½ קאָפּע (¼ פונט) צעלאָזענע טשאָקאָלאַט
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
- ½ קאָפּע קאַרטאָפּעל-מעהל
- 1 טעה-לעפעלע בייקינג-פּוידער
- 1 לעפעלע לימענע-עקסטראַקט
- ¼ לעפעלע זאַלץ

טיילט אָפּ די אייער, און שלאָגט צונויף א העלפט פון די ווייסליכע מיט דעם מאַנדעל-פּייסט, ביז עס איז גוט אויסגעמישט. רייבט עס צונויף מיט א העלפט פון דעם צוקער, גיט צו דערנאָך דעם אַנדערען העלפט פון די ווייסליכע און פון דעם צוקער. גיט צו די גוט-אויפגעשלאָגענע גע-לעכלאך, צעלאָזענעם טשאָקאָלאַט און די פּוטער, דאַן גיט צו די טרוקענע שטאָפּען וואס זיינען צוזאמענגעזיפּט און דעם לימענע-עקסטראַקט. לאָזט אַרויף אויף וואַקס-פּאַפּיער שטיקלעך פון דער מאסע, אין דער גרויס פון א דאָלאר, און באַקט זיי אַרום 15 מינוט אין א טעמפּעראַטור פון 350 גראַד. פון דעם רעסעפּי קען מען אויך באַקען „קאָפּ-קעיקס" אָדער אין לעיערס.

## פראַנצויזישע קאַפּע-קעיק

3 אייער
¾ קאָפּעס צוקער
¼ קאָפּע פּוטער
¼ טעה-לעפעלע זאַלץ
¼ קאָפּע מילך
¾ קאָפּעס מאַנישע-וויטץ'ס קעיק-מעהל
3 טעה-לעפעלאך בייקינג-פּאודער

שלאָגט אויף די געלעכלאך פון די אייער און צוקער. גיט צו צעלאָזענע פּוטער, זאַלץ און מילך. מישט אריין די הארט אויפגעשלאָגענע ווייסלאך פון די אייער און דאן די קעיק מעהל, וועלכע איז איבערגעזופּט מיט בייקינג פּאודער. דערוואַרימט אן 8 אינטשיגע סקווער בעקעלע, באַשמירט עס מיט פעטס און שפּרייט אוים אַביסעל מעהל, דאַן לייגט אריין די קעיק מיקס-טשור. באַשפּריינקעלט פון אויבען מיט 3 טעה-לעפעלעך צוקער און א האַלבע טעה-לעפעלע צימערינג וואס איז אויסגעמישט צוזאמען. לייגט אַרויף 6 „וואָלנאַט מיטס" איינציגווייס אָדער באַשפּריינקעלט מיט 2 עס-לעפעל צעהאַקטע נים. וואַרימט דעם אויוון ביז 375 גראַד, דאַן פאַרקלענערט די היץ צו 350 גראַד, לייגט אריין דעם קעיק און באַקט 20 מינוט.

## אַרענדזש קרים-קעיק

¼ קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
¾ קאַפּעס פּאָטייטאָ-מעהל
¼ לעפעלע זאַלץ
1½ קאַפּעס צוקער
8 אייער
די זאַפט און צעריבענע שאָלעכץ פון ½ לימענע
די צעריבענע שאָלעכץ פון איין אַרענדזש

שלאָגט אויף די געלעכלאך פון די אייער ביז עס ווערט ווי קריעם. גיט צו די לימענע-זאַפט און די צעריבענע שאָלעכץ פון דער לימענע און אַרענדזש. שלאָגט אויף דערנאָך די ווייסליכע ביז עס ווערט דיק, און וויקעלט איין מיט אויס-געמישטע קעיק-מעהל, פּאָטייטאָ-מעהל און זאַלץ. באַקט א שטונדע און אַ האַלב אין אן אויוועז פון א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד. קעהרט אי-בער דאָס בעקעלע און זאָל דער קעיק אָפּקיהלען איידער איהר נעמט איהם ארויס. דאַן צע-שפּאַלט דעם קעיק און פילט איהם מיט פאָל-גענדער פילינג: 1 אָרענדזש, די זאַפט און צע-ריבענע שאָלעכץ, אויב איהר ווילט, 2 און אַ האַלב לעפעל קאַרטאָפעל-מעהל, אַ האַלבע קאָפּע צו-קער, אַ האַלבע קאָפּע מילך, אַ האַלבע קאָפּע וואַ-סער, איין געלעכעל פון אן איי. מישט צוזאַ-מען די מעהל, צוקער, גיט צו די אָרענדזש-זאַפט און די שאָלעכץ. מישט אוים די מילך מיט דעם וואַסער און גיט עס צו לאַנגזאַם, דאַן מישט אַריין די אויפגעשלאָגענע געלעכלאך פון די איי-ער. קאָכט עס אויף ביז עס ווערט דיק, מישענ-דיג עס די גאַנצע צייט. ווען עס איז אָפּגעקיהלט, באַשמירט דאַמיט דעם אונטערשטען טייל פון

קעיק, און לעגט עס צוריק אַוועק אין דער זעל־בער פּאָזיציע. אויב איהר ווילט קענט איהר צוגעבען קאַקאַ־ניס צו דער פילינג. געברויכט די איבערגעבליבענע ווייסליכע פון די אייער צו מאכען דערפון א געקאָכטען פראָסטינג. קאָכט אויף איין קאָפּע צוקער מיט אַ דריטעל קאָפּע וואַסער, דאַן גיסט עס ארויף לאַנגזאַם אויף די געדיכט־אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער און שלאָגט צוזאַמען ביז די אייסינג איז געדיכט, אַז עס זאָל זיך קענען אויסשפּריי־טען. גיט צו דערנאָך דעם פלייוואָר באַשטעהענד פון איין לעפעלע ארענדזש־זאַפט, און באַציערט דעם קעיק מיט שטיקלאך אָרענדזש.

## מצה־מעהל־באַרס

3 אייער
1 קאָפּע צוקער
2 קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
¼ טעה־לעפעלע זאַלץ
¼ טעה־לעפעלע צימרינג
1 טעה־לעפעלע וואַנילא
¼ טעה־לעפעלע מאַנד־לען־עקסטראַקט (זאַפט)

שלאָגט גוט אויף די אייער, גיט צו די צוקער, און מישט אריין די אנדערע שטאָפען. שפּרייט אויס די מיקסטשור אין א פלאַכען פאַן באַשמירט מיט פעטס. באַקט אין א מעסיג־געהייצטען אויווען ארום 30-40 מינוט, צעשניידט אויף באַרס ארום 4 ביי 1 אינטשעס און קאַטשעט אין דינעם צו־קער אָדער פראָסטעד די (באַרס) סטריפּס.

## מאנדלען־מאַקאַרונס

4 לעפעלאַך מאַנישע־וויטץ׳ס קעיק־מעהל
1 פונט אָפּגעשיילטע, גוט־צעריבענע מאַנד־לען
1½ פונט דינעם (פּוי־דער) צוקער (4 קאָ־פּעס)
2 לימענעס (בלויז די שאָלעכץ)
די ווייסלאַך פון 5 אייער

שלאָגט אויף די ווייסליכע ביז זיי ווערען גע־דיכט, מישט צוזאַמען די אנדערע שטאָפען און גיט צו די ווייסליכע פון די אייער, מישט עס גוט אויס. מאַכט פון דעם מיקסטשור מאַקאַרונס, דורכזייענדיג די מיקסטשור דורך א „פּעיסטרי־טיוב״ וואָס האָט א גרויסע עפענונג, אָדער איהר קענט עס אַראָפּלאָזען פון א לעפעלע אויף א גוט־אָנגעפעטען פּאַפּיער. באַשפּרענקעלט עס געדיכט מיט מאַנישעוויטץ׳ס קעיק־מעהל. לאָזט איבער ארום אַן אינטש צווישען איין מאַקאַרון און דעם צווייטען, אַז זיי זאָלען זיך קענען אויסשפּרייטען. באַקט אין א טעמפּעראַטור פון 300 גראַד פאַר 15 מינוט. דאַן מאַכט דעם אויווען זעהר הייס אום צו מאַכען די מאַקאַרונס ברוין. ווען זיי זיינען פאַרטיג לאָזט זיי אָפּקיהלען, איידער איהר ריהרט זיי אָן.

## „פּאַרפּעלרונס"

- די ווייסליכע פון 2 אייער
- ¾ קאָפּעס קאָנפעקשאָנערס צוקער
- ⅔ קאָפּעס מאנישעוויטץ'ס פאַרפעל
- 1 קאָפּע קאָקאָ־נים
- ⅛ לעפעלע זאַלץ

שלאָגט אויף געדיכט די ווייסליכע פון די אייער, גיט צו דעם צוקער און שלאָגט אויף ווייטער. גיט צו די פארפעל, קאָקאָ-נים און זאַלץ. באַשמירט אַ בעקעלע מיט פעטס, באשפּרענקעלט עס מיט מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל. לאָזט ארונטער אויף דעם בעקעלע די מיקסטשור לעפעלוויים, לאָזענדיג פרייען פּלאַץ צווישען איינע און די אנדערע. באַקט אין א הייסען אויווען (400 גראד) פון 10 ביז 15 מינוט. איבערשטעלענדיג די בעקעלע פון דעם אונטערשטען טייל פון אויווען אויף דעם אויבערשטען טייל פון אויווען. אום די קעיקס זאָלען פון אלע זייטען זיין ברוין, לאָזט די קעיקס אָפּקיהלען איידער איהר נעמט זיי אַרוים פון בעקעלע.

## מאַנדלען-נוס-קעיק

- ½ קאָפּע מאנישעוויטץ'ס קעיק־מעהל
- ¼ קאָפּע קארטאָפּעל־מעהל
- 1 קאָפּע צוקער
- ½ לעפעלע זאַלץ
- 1 קאָפּע צעריבענע מאַנדלען
- 1 לעפעל צעלאָזענע פּוטער
- 2 אייער
- ⅓ קאָפּע מילך
- 1 לעפעלע וואנילא

זיפּט דורך צוזאמען דריי מאָל די קעיק-מעהל, קארטאָפּעל-מעהל, צוקער און זאלץ, גיט צו די מאנדלען, פּוטער, אייער, מילך און שלאָגט גוט אוים צוזאמען, גיט צו די פלייוואָרינג און באקט אין א מעסיגען אויווען (350 גראַד) ארום דריי-פיערטעל שטונדע.

## צימרינג סטיקס

- 2 לעפעל מאַנישעוויטץ'ס קעיק־מעהל
- ½ פונט צעריבענע מאַנדלען
- 1 פונט דינעם צוקער
- 1 לעפעל צימרינג
- 4 ווייסליכע פון אייער

שלאָגט אויף די ווייסליכע צו א געדיכטען שוים, גיט צו דעם צוקער ביסלעכוויים, דאַן דעם צימרינג, קעיק-מעהל און די צעריבענע מאנדלען. באַשפּרענקעלט אייערע הענד מיט קעיק-מעהל און נעמט ארום א לעפעלע טייג און קאַטשעט אוים מיט די הענד סטיקס א האלבען פינגער די לענג און דיק ווי אייער קליינער פינגער. לעגט עס אַרויף אויף א גוט-אָנגעשמירטען פּאַפּיער איבערלאָזענדיג אַרום אַן אינטש צווישען איינער און דער אַנדערער, כדי זיי זאָלען זיך קענען אויסשפּרייטען. באַקט אין אַ מעסיגען אויווען (300 גראַד) פון צוואנציג ביז דרייסיג מינוט, און באַדעקט מיט געקאָכטע פראָסטינג.

# פיין מצה בעקערס

## רעזין-באַר

- 4 אייער
- ½ קאָפּע צוקער
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- 2 עס-לעפעל וואַסער
- ½ לעפעלע זאַלץ
- ½ קאָפּע צעשניטענע ראָזשינקעס
- ½ קאָפּע אָפּגעשיילטע און צעהאַקטע מאַנדלען
- 1 לעפעלע וואַנילא אָדער די צעריבענע שאָלעכץ פון אַ האַלבער לימענע

שלאָגט אויף די געלעכלאך פון די אייער מיט צוקער, ביז עס איז לייכט. גיט צו וואַסער, קעיק-מעהל, זאַלץ און די פלייוואָרינג. מישט אריין די מאַנדלען, די ראָזשינקעס און וויקעלט איין אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. גיט עס אריין אין א פענדעל אָנגעשמירט מיט פעטס. דאָס פענדעל זאָל זיין לאַנג און פלאַך. די אייער-מיקסטשור זאָל ניט זיין מעהר ווי איין אינטש דיק. באַקט אין א מעסיג-געהייצטען אויווען (325 גראַד) און דאַן שניידט עס שטיקלעכווייס, 4 אינטשעס ביי 1. לעגט עס צוריק אין פענדעל אויף דער צעשניטענער זייט און ברוינט עס אין אויווען. וויקעלט עס אין דינעם צוקער.

## מאַנדלען קיכלעך

- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- ¼ קאָפּע קאַרטאָפעל (פּאָטייטאָ) מעהל
- ¼ קאָפּע צעהאַקטע מאַנדלען
- 2 אייער
- ½ קאָפּע צוקער

זיפּט איבער צוזאַמען קעיק-מעהל און פּאָטייטאָ-מעהל. גיט צו א האַלבע קאָפּע צוקער, א פיערטעל קאָפּע צעהאַקטע מאַנדלען, 2 אייער. קאַטשעט דאָס אוים אין פּאָטייטאָ-מעהל אויסגעמישט מיט צוקער. בעשניידט דאָס און באַקט עס אין אָנגעשמירטע בלעכלאַך אין א הייסען אויווען.

## טייטלען-באַרס, נומער 2

- 4 אייער
- ½ קאָפּע צוקער
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- 2 לעפעל וואַסער
- ½ קאָפּע צעהאַקטע וועלשענע ניס
- ¾ קאָפּעס טייטלען, צעשניטען אויף קליינע שטיקלאַך
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- אַ צעריבענע שאָלעכץ פון אַ האַלבער לימענע אָדער 1 לעפעלע וואַנילא

שלאָגט אויף די געלעכלאך פון די אייער מיט דעם צוקער ביז עס ווערט לייכט, גיט צו די וואַנילא אָדער די לימענע-שאָלעכץ, זאַלץ, מעהל און וואַסער. מישט אריין די טייטלען און די ניס און וויקעלט איין אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, גיט עס אריין אין א פענדעל אָנגעשמירט מיט פעטס. דאָס פענדעל זאָל זיין לאַנג און פלאַך. די אייער-מיקסטשור זאָל זיין ניט מעהר ווי איין אינטש דיק. באַקט אין א מעסיגען אויווען (325 גראַד) ביז עס ווערט ברוין. באַקט ארום 45 מינוט. צעשניידט עס אין שטיקלאַך 4 אינטשעס ביי 1. לעגט עס צוריק אין פענדעל אויף דער צעשניטענער זייט און ברוינט עס נאָך אמאָל אין אויווען. איהר קענט עס וויקלען אין פּודער-צוקער.

## רוט ביער קעיק

- ¼ קאָפּע פּוטער
- 1 קאָפּע צוקער
- ½ קאָפּע מילך
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס קעיק־מעהל
- 2 אייער
- ¼ לעפעלע צימערינג
- ¼ לעפעלע נעגעלאך
- ¼ לעפעלע געווירצען
- 2 לעפעלאך רוטביער־עקסטראַקט
- ½ קאָפּע צעהאַקטע ניס אָדער ראָזשינקעס
- 2 לעפעלאך בייקינג־פּוידער

שלאָגט אויף די פּוטער און צוקער, גיט צו די אייער (ניט אויפגעשלאָגען) איינציגווייז, גיט צו דעם רוטביער עקסטראַקט, און מישט אויס ביז עס ווערט לייכט אזוי ווי קריעם. זיפּט צו־זאמען די טרוקענע שטאָפען און גיט צו מיט דער מילך. לייגט אריין ניס אָדער ראָזשינקעס און באַקט אין אַ פּלאַכע בעקעלע ארום 45 מינוט אין אַ טעמפּעראַטור פון 300 גראַד. ווען קאַלט, גיט אַרויף אויבען טשאָקאָלאַט פראָסטינג.

## מאַך אָאוט מיעל קעיקלאך

- 2 קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
- 2 קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה־פאַרפל
- 1½ קאָפּעס צוקער
- 1 קאָפּע ראָזשינקעס אָדער ניס, אָדער ביידע
- ⅔ קאָפּעס צעלאָזענע טשיקען־פעטס
- 4 אייער
- 1 לעפעלע צימרינג

מישט אויס די טרוקענע שטאָפען, שלאָגט אריין די אייער און די פעטס. לעגט זיי אוועק אין רויהע שטיקער אין דער גרויס פון אַן איי, אויף אַ פּאַפּיער אָנגעשמירט מיט פעטס, און באַקט אין אַ טעמפּעראַטור פון 350 גראַד פאַר אַ האַל־בע שטונדע. פון דעם רעסיפּי וועט איהר האָבען ארום פיער דאָזען קעיקלאך.

## מאַנדעל קוכענדלאך

- 3 לעפעל מאַנישעוויטץ׳ס קעיק־מעהל
- ¼ פונט אָפּגעשיילטע מאַנדלען
- ½ פונט דינע צוקער (1⅔ קאָפּעס)
- די ווייסליכע פון 5 אייער

ברענט צו די אָפּגעשיילטע מאַנדלען און שניידט זיי אין לענגליכע שטיקלאך, שלאָגט אויף גע־דיכט די ווייסליכע פון די אייער און זיפּט אַריין די דינע צוקער און קעיק־מעהל. גיט צו די מאַנד־לען און מישט גוט אויס. באַשמירט מאקארון פּאַ־פּיער מיט פעטס און באשפּרענקעלט עס געדיכט מיט מאַנישעוויטץ׳ס קעיק־מעהל. לעגט אַוועק דאַן אויף דעם, די מיקסטשור לעפעלוויים, אי־בערלאָזענדיג פרייען פּלאַץ צווישען איין קעיק און דעם אנדערען, אז זיי זאָלען זיך קענען אויס־שפּרייטען. באַקט ארום 20 מינוט ביז עס ווערט לייכט ברוין אין א מעסיגען אויוועון. (275 גראַד). לאָזט עס אָפּקיהלען איידער איהר נעמט עס אַרויס פון בעקעלע.

# סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקא

## מצות און קעז

- 6 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- ½ פונט פוטער
- 1½ פונט קאטעדזש קעז
- פּאַפּריקא

צעברעכט די מצות אין א זייער, גיסט אָן הייסע וואסער און לאָזט די וואסער אָפּרינען. צעשמעלצט די פוטער, און באקט די מצות אין א סך פוטער, ביז עס ווערט קרוכלע און ברוין. לעגט זיי אויף א גרויסען טעלער, שפּרייט אויס די קאטעדזש-קעז און באשפּרענקעלט מיט אביסעל פּאַפּריקא. פון דעם רעסעפּי וועט איהר האָבען 6 גוטע פּאָרציעס. גוט אלס הויפּט-מאכל פאר לאָנטש.

## קעז-קוגעלאך

- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 1 קאָפּע צעריבענע קריעם-טשיעז
- 1 איי, גוט אויפגעשלאָגען
- ½ טעה-לעפעלע זאַלץ
- ⅛ טעה-לעפעלע פעפער

מישט גוט אויס אַלע שטאָפען, און מאכט דערפון קעז-קוגעלאך. וויקעלט זיי איין אין מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל, און איידער איהר סערווירט זיי, פּרעגעלט זיי אין פיעל פעט ביז זיי ווערען ברוין. סערווירט מיט אירגענד-וועלכען פרוכט סאלאד. פון דיזער רעסעפּי קריגט איהר ארום 10 קוגעלאך.

## טאָוסטעד קעז-מצות

- 4 אָדער 5 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- ½ קאָפּע מילך
- 3 אייער
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- ½ קאָפּע צוקער
- 2 עס-לעפעל צעלאָזענע פוטער
- 1 פונט קאטעדזש-קעז

שמירט אָן מיט פוטער א בעקעלע, צעשניידט די מצות, אז זיי זאָלען זיך אריינפּאסען אין דעם בעקעלע, שניידט גענוג פאר דריי לעיערס. שלאָגט אויף איין איי, גיט צו מילך און זאַלץ. ווייקט די מצות אין דעם מיקסטשור פאר א מינוט, דאן לאָזט אָפּטרוקענען. מישט צוזאמען 2 אייער, צוקער, פוטער און קעז. שפּרייט אויס א טייל פון דעם מיקסטשור אויף דעם אונטערשטען לעיער פון די מצה אין בעקעלע, באדעקט מיט אַן אַנדער לעיער פון מצה און ווידערהאָלט דאָס זעלבע נאָך אמאָל. שפּרייט אויס די צוויי קעז-לעיערס אונגעפעהר אַן אכטעל אינטש דיק. באקט אין א מעסיגען אויווען פאר 10 מינוט, דאַן טאָוסט עס אונטער'ן בראָילער ביז עס ווערט ברוין.

## מאַרגעריטען

8 מאַנישעוויטץ'ס מצה־קרעקערס
דאָס ווייסעל פון 1 איי
4 עס־לעפעל צוקער
½ קאָפּע ראָזשינקעס אָהן די קערנדלאַך
1 טעה־לעפעלע וואַנילא

שלאָגט אויף די אייער זעהר האַרט, גיט צו צוויי עס-לעפעל צוקער זעהר לאַנגזאַם, און האַלט אין איין אויפשלאָגען. לעגט אריין די איבערגעבליבענע צוקער ביסלעכווייס, דאַן די ראָזשינקעס און וואַנילא. לעגט ארויף די מיקסטשור אויף מצה-קרעקערס און באַשפּרענקעלט מיט צוקער. באַקט ביז עס ווערט דעליקאַט-ברוין אין אַ מעסיגען אויוועז (ארום 10 מינוט).

## קעז־ (טשיעז) מצה

3 מאַנישעוויטץ'ס מצות
1 פונט קאַטעדזש טשיעז
2 עס־לעפעל פּוטער
½ טעה־לעפעלע זאַלץ
3 אייער
1 עס־לעפעל צוקער

מישט צוזאַמען דעם קאַטעדזש-קעז, איין אויפגעשלאָגען איי, זאַלץ, צוקער און צעלאָזענע פּוטער. באַשמירט די מצה מיט דעם מיקסטשור דריי-אַכטעל אינטשעס הויך. שלאָגט אויף די איבערגעבליבענע 2 אייער, לעגט עס ארויף אויף דעם קעז. באַקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויוועז ביז עס ווערט ברוין.

## קעז-קעיק, נומער 1

5 אָדער 6 מאַנישעוויטץ'ס מצות
3 אייער
1 פונט קאַטעדזש־קעז
¼ לעפעלע זאַלץ
זאַפט פון ¼ לימענע
½ קאָפּע צוקער
6 לעפעל פּוטער

טונקט איין די מצה אין וואַסער, לאָזט זיי אָפּטריקענען, מישט אויס קעז, אייער, זאַלץ, צוקער און לימענע-זאַפט. צעלאָזט פיער לעפעל פּוטער אין אַ פיערעקעדיגער בעקעלע. שפּרייט אויס אין בעקעלע אַ גאַנצע מצה אָדער מעהר, אויב דאָס בעקעלע איז גרעסער פון איין מצה. שפּרייט אויס אַ העלפט פון דעם צונויפגעמישטען קעז פון אויבען און באַדעקט עס מיט אַן אַנדער מצה וואָס איז פייכט. טהוט דאָס זעלבע נאָך אַמאָל, אַזוי אַז איהר זאָלט האָבען דריי טיילען מצות און צוויי טיילען פון דעם צונויפגעמישטען קעז-אָנפילינג. געברויכט די איבעריגע צוויי לעפעל פּוטער צו באַשמירען די אויבערשטע מצה. באַקט אין אַ געוועהנליך-אָנגעהייצטען אויוועז ביי אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאַר אַ שטונדע, ביז עס ווערט גאָלדיג-ברוין. באַשפּרענקעלט עס מיט פּוידער-צוקער און צעשניידט עס אין פיער-עקיגע שטיקלאַך. סערווירט היים אָדער קאַלט.

# פיין מצה בעקערס

## קעז (טשיעז)-קעיק, נומער 2

- 1 פונט קאטעדזש-קעז
- ½ קאָפּע סוויט-קריעם
- 3 אייער
- 1 עס-לעפעל קאָרנ-סטארטש
- 2 עס-לעפעל ראָזשינקעס
- ½ טעה-לעפעלע זאַלץ
- ½ קאָפּע צוקער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 1½ עס-לעפעל פּוטער

צערייבט דעם קעז ביז עס ווערט גלאט, גיט צו קרים, געלעכלאך פון אייער, קאָרנסטארטש, ראָזשינקעס, זאלץ און צוקער, שלאָגט אויף די ווייסלאך פון די אייער ביז זיי ווערען הארט און מישט אריין זעהר לאנגזאם. צעלאָזט די פּוטער, גיט עס צו-צו די מצה-מעהל און מישט אוים ביז עס זיינען ניט פאראן קיינע שטיקלאך. באשמירט א בעקעלע מיט פּוטער און לייגט אריין א העלפט פון דער מעהל און פּוטער אין בעקעלע. גיסט אריין די קעז-מיקסטשור און באדעקט מיט דער איבערגעבליבענער מעהל מיט פּוטער. באקט אין א מעסיג געהייצטען אויוועו (325 גראד) פאר 70 מינוט.

## קאָקאָ-נים מאקארונס

- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 2 קאָפּעס צעשניטענע קאָקאָ-נים (8 אָנצעס)
- 2 לימענעס (צעריבענע שאָלעכץ און זאַפט)
- 5 אייער
- 1½ קאָפּעס צוקער

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו די צוקער ביז-לעכוויים, גיט צו די מעהל, קאָקאָ-נים, לימענע-זאַפט און שאָלעכץ, גיסט אַרוים לעפעלוויים אויף אַ פעטען פּאַפּיער. באקט אין אַ מעסיגען אויוועו (325 גראַד) פאַר אַ האלבער שטונדע. מאַכט דעם אויוועו הייסער אַ פּאָר מינוט פאַר׳ן אַרוים-נעמען, כדי די קעיקלאך זאָלען אַרויסקומען צו-געברוינט. פון דער רעסעפּי וועט איהר האָבען 24 מאקארונס.

## קעז-פּודינג

- 5 מאנישעוויטץ׳ס מצות
- ½ לעפעלע זאַלץ
- ½ פונט קאטעדזש קעז
- 2 אייער
- 2 גרויסע ציבעלעס
- 2 לעפעל פּוטער
- ⅛ לעפעלע סאָדע

צעהאקט די ציבעלעס דין, גיט צו סאָדע און פּרעגעלט אין דער פּוטער ביז עס ווערט ברוין, און לאָזט עס אָפּקיהלען. מישט אוים דעם קעז, אייער, ציבעלעס. צעברעקעלט די מצה און ווייקט זי אין קאלטער וואַסער פאַר 2 מינוט. קוועטשט דערנאָך אוים די וואסער, גיט צו די מצה און זאַלץ צו דער קעז-מיקסטשור, לעגט עס אַריין אין פּודינג-בעקעלע וואָס איז אָנגעשמירט מיט פעטס, און באקט עס אין א הייסען אויוועו פאַר א האלבער שטונדע (דער אויוועו דאַרף זיין 400 גראַד הייס), ביז עס ווערט ברוין.

# די ב. מאַנישעוויטץ קאָמפּאַני

## געצוקערטע (קענדיד) פארפעל

- 1½ קאָפּעס מאַנישע־וויטץ'ס מצה־פארפעל
- ½ קאָפּע געזאַלצענע ניס, צעהאַקט
- 1 קאָפּע צוקער
- ½ קאָפּע וואַסער
- 1 טעה־לעפעלע עסיג
- 1 עס־לעפעל פּוטער
- ½ טעה־לעפעלע זאַלץ
- 2 עס־לעפעל מאָלאַסעס

מישט אויס צוזאמען די פארפעל און ניס. קאָכט די צוקער, וואַסער און עסיג פאר 5 מינוט, דאַן גיט צו די אַנדערע שטאָפען און קאָכט ביז 290 גראַד, אָדער ביז אביסעל ווערט קרוכלע, ווען פּרובירט אין קאַלטע וואַסער. נעמט אַרונטער פון פייער און מישט אריין פאַרפעל און ניס. שפּרייט אויס אויף א טעלער, און ווען קיהל, צעברעכט אויף שטיקלאך.

## קאָרן־פלעיק־קוקיעס

- 2 אייער
- 2 קאָפּעס קאָרן־פלעיקס
- 1 קאָפּע צוקער
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 1 קאָפּע צעהאַקטע ניס

שלאָגט אויף די אייער און צוקער, ביז עס ווערט זעהר לייכט, דאן מישט אריין די אַנדערע שטאָ־פען. לאָזט אַרונטער לעפעלאכווייס אויף פּאַ־פּיער אָנגעשמירט מיט פעטס און גוט באַדעקט מיט מצה־מעהל. באַקט אין א מעסיג־געהייצטען אויווען פאר 20 מינוט ביז עס ווערט גאָלדען־ברוין.

## „נאָכגעמאַכטע" פיש־קיילעכלעך

- 1 שטענגעל סעלערי
- ½ פונט מעערען
- ½ פונט ציבעלעס
- רויהע ווייסע פלייש פון אַ טשיקען
- ⅓ קאָפּע מאנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 2 אייער, גוט אויפגע־שלאָגען

צעשניידט זעהר דין א העלפט פון די מעערען, ציבעלעס און סעלערי, און לעגט אריין אין אַ קעסעל. לעגט אריין די אנדערע העלפט פון די וועדזשעטייבעלס און טשיקען אין א פלייש־מיהל, דאן אין א שיסעל, און וועהרענד איהר צעהאקט די פלייש, גיט צו די אייער און מצה־מעהל ביסלעכווייז. טונקט איין די הענד אין קאַלטע וואַסער, און מאכט קיילעכלעך פון דער מיקסטשור. לעגט זיי אין קעסעל מיט די צע־שניטענע וועדזשעטייבעלס, און גיסט אריין קאל־טע וואסער. דעקט צו און קאָכט לאנגזאם פון דריי ביז פיער שטונדען. איין שטונדע איידער איהר נעמט עס ארונטער פון פייער, באווירצט לויט אייער געשמאק, און ווען עס איז פארטיג, לאָזט אָפּקיהלען, דאן נעמט ארויס די קיילעכ־לעך פאָרזיכטיג.

## קעז-בלינטצעס

- 3 אייער
- ¾ קאָפעס מאַנישע-וויטץ׳ס קעיק-מעהל
- ½ טעה-לעפעלע זאַלץ
- 1½ קאָפעס וואַסער

שלאָגט אויף די אייער און גיט צו קעיק-מעהל און וואסער ביסלעכווייס און מישט גוט אויס. לעגט אריין דריי לעפעל פון דער פארקנייטער מאַסע (בעטער) אין אן אָנגעהייצטען טאָפ באַשמירט מיט פעטס. שפרייט אויס אזוי דין ווי מעגליך. פרעגעלט ביז עס ווערט ברוין אויף איין זייט, נעמט עס ארויס, קאטשעט צוזאמען און פרעגעלט ווייטער. קעז פילינג: 1 פונט קאטעדזש-קעז, 1 איי, ½ טעה-לעפעלע זאַלץ, ½ טעה-לעפעלע צוקער, 1 עס-לעפעל געדיכטע סמעטענע.

## פלייש-לאַבען (מיעט לאוף) נומער 1

- 2½ פונט רינדפלייש
- 1 צעריבענע ציבעלע
- 2 אייער
- 1 קאָפע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 2 קאָפעס קענד טאָמויטאָס
- 2 טעה-לעפעלאַך זאַלץ
- ¼ טעה-לעפעלע פעפער
- ½ קאָפע „סעלערי-טאפס" גוט צעשניטען

מישט גוט אויס די שטאָפען, און מאכט פון זיי אַ לאנגען לאבען (לאוף). לעגט אין א שווער בעקעלע, גיסט אביסעל וואסער ארום די זייטען, און באקט א שטונדע און א האלב אין א טעמפעראטור פון 400 גראַד.

## זיסע און זויערע קוילען (מיעט באָלס)

- 1 פונט צעהאַקטע פלייש
- ½ קאָפע וואַסער
- ½ קאָפע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 1 צעריבענע ציבעלע
- 1 איי
- 1 טעה-לעפעלע זאַלץ
- ⅛ טעה-לעפעלע פעפער

מישט אויס צוזאמען די אויבענדערמאנטע שטאָפען, דאן מאכט פון דער מיקסטשור קוילען ארום 2 אינטשעס ברייט, דאן גרייט אָן די פאָלגענדע שטאָפען: אַ האַלבע קאָפע צוקער, 1 פיינט קאָכיגע וואסער, א האלבע טעה-לעפעלע זאלץ, איין אכטעל טעה-לעפעלע פעפער, 1 קאָפע געקענטע טאָמייטאָס, 1 ציבעלע, צעהאקט, 1 עס-לעפעלע צעהאקטע גרינע פעפער, 1 עס-לעפעלע „סיטריק עסיד", צעלאָזט דעם צוקער אין א פענדעלע ביז עס ווערט לייכט ברוין, גיסט אריין זעהר לאנגזאם די קאָכיע וואַסער, גיט צו זאלץ, פעפער, טאָמייטאָס, ציבעלע, גרינעם פעפער און „סיטריק עסיד". ווען דאס קאָכט אויף, לעגט אַריין די קוילען און קאָכט פאַר אַ שטונדע און אַ האַלב. פון דיזען רעסיפּי קריגט איהר 10-8 קוילען.

## עפּעל פּריטערס

- 3 טארט עפּעל
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 3 אייער
- 2 עס-לעפעל צעלאָזענע טשיקען-פעטס
- ½ טעה-לעפעלע זאַלץ
- ½ קאָפּע וואַסער

שיילט אָפּ די עפּעל און צעשנייט אזוי דין ווי מעגליך. שלאָגט גוט אויף צוזאמען די אַנדערע שטאָפען און דאן גיט צו די עפּעל. לאָזט ארונטער לעפעלווייז אין פיל פעטס, דערווארימט צו אַ טעמפּעראטור פון 375 גראד, און פּרעגעלט ביז עס ווערט גאָלד-ברוין. לאָזט אָפּטריקענען אויף ברוין פּייפּער, באשפּריינקעלט מיט צימערינג און צוקער און סערווירט מיט טעה.

## געפּרעגעלטע מאקארונס

- 1 עס-לעפעל מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- ⅓ לעפעלע זאַלץ
- 3 אייער
- 1 פונט געקאָכטע פלוימען

שלאָגט אויף באזונדער די ווייסליכע און געלעכלאך פון די אייער, גיט צו צו די געלעכלאך זאַלץ, קעיק-מעהל און דאן וויקעלט איין אין די גערדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע. פּרעגעלט לעפעלוויים אויף א בעקעלע אָנגעשמירט מיט פּוטער, אָדער לעגט עס אריין אין אַ סך פעטס, אָנגעווארעמט צו א טעמפּעראַטור פון 375 גראַד.

## לעבער-פּאַי

- 1 פונט לעבער
- 2 גרויסע ציבעלעס
- 2½ לעפעלאך זאַלץ
- ¼ לעפעלע פעפער
- 2 לעפעל פעטס
- ¼ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- ½ קאָפּע וואַסער
- 2 האַרט-געקאָכטע אייער
- 5 אייער
- 4 אָדער 5 מאַנישעוויטץ'ס מצות

קאָכט אָפּ לייכט די שטיקלאך לעבער פאר 15 מינוט און טונקט זיי איין אין קאלטע וואַסער, שיילט אָפּ די לעבער און נעמט אַרוים די אָדערען, דאַן צעהאקט עס, ברוינט די ציבעלע אין פעטס, און גיט צו צו דער לעבער, גיט צו צעהאקטע האַרטע אייער, צוויי לעפעלאך זאלץ, און אַכטעל לעפעלע פעפער און מישט עס אין צוויי אויפגעשלאָגענע אייער, טונקט אריין אויף א מאָמענט די מצה אין קאלט וואסער — (ווייקט זיי ניט, אז זיי זאָלען זיך צעברעכען), שניידט זיי אין דער מאָס פון אַ בעקעלע, אַזוי אַז איהר זאָלט האָבען דריי מצה-לעיערס, מישט אוים די מצה-מעהל מיט וואסער און די איבערגעבליבענע דריי אייער און די איבערגעבליבענע זאלץ און פעפער און טונקט איין די שטיקלאך מצות אין דעם מיקסטשור, לעגט אריין א מצה-לעיער אין אַ גוט-אָנגעשמירטען בעקעלע, דאן שפּרייט אוים אַ טייל פון דער לעבער-מיקסטשור, טוט עס נאָך אַמאָל, ביז איהר וועט האָבען צוויי טיילען לעבער און דריי לעיערס מצות, באקט אין א מעסיג-געהייצטען אויווען (350 גראַד) אַרום 45 מינוט

## קאַליפלאַוער פריטערס

- 1 קליינע קאָפּ קאַלי־פלאַוער
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 2 אייער, אויפגעשלאָגען
- 1 עס־לעפעלע טשיקען־פעטס
- ½ טעה־לעפעלע זאַלץ
- ¼ טעה־לעפעלע פעפער

קאָכט די קאַליפלאַוער אין זאַלץ־וואַסער ביז עס ווערט ווייך, דאַן לאָזט די וואַסער אָפּרינען און מעשט גוט. גיט צו די איבערגעבליבענע שטאָפען און שלאָגט גוט אויף. דערוואַרימט אַביסעל פעטס אין א פענדעל און לאָזט אַרונטער די פריטער מיקסטשור אין פענדעל לעפעלווייז. פרעגעלט ביז עס ווערט ברוין אויף ביידע זייטען. די רעסיפּי מאַכט 8 פריטערס.

## טשיקען־קנישעס

- 1 איי
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- ¾ קאָפּעס קאַלטע וואַסער
- ¼ קאָפּע טשיקען־ אָדער אויל־פעטס
- 1 טעה־לעפעלע בעיקינג־פּוידער
- מעהל (אַרום 3 קאָפּעס)
- 2 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 1 קאָפּע טשיקען־פלייש (צעשניטען)
- ¼ קאָפּע טשיקען־שמאַלץ
- 1 לעפעלע זאַלץ

מאַכט א פּאַי־קראָסט פון די ערשטע זעקס שפּייז־אַרטיקלען. וואַלגערט אויס דעם קראָסט אַ פיערטעל אינטש דיק, שניידט אויס רונדע שטיקער, אין דער מאָס פון אַ שאָל (סאָוסער), צעברעקעלט די מצות און מישט עס אויס מיט די טשיקען, זאַלץ און שמאַלץ. לעגט אַוועק אַ לעפעל אָדער מעהר פון דעם מיקסטשור אויף די אויסגעשניטענע טייג, מאַכט פייכט דעם ברעג, און קלעפּט זיי צוזאַמען. באַקט דרייסיג מינוטען אין אַ טעמפּעראַטור פון 425 גראַד, און סערווירט מיט טשיקען־שמאַלץ.

## באָסטאָן כרעמזלאַך

- 1½ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 6 אייער
- 6 לעפעל קאַלטע וואַסער
- 3 לעפעל טשיקען אָדער גענזענע פעטס
- ½ לעפעל זאַלץ
- ⅓ פונט האָניג אָדער ⅔ פונט צוקער
- ¼ לעפעלע אינגבער
- ⅓ פונט צעריבענע ניס
- ⅓ קאָפּע קאַלטע זיסע טעה אָדער „מעד"
- ½ קאָפּע גוט־צעשניטענע זויערע בוריקעס

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו מצה־מעהל, וואַסער, פעטס און זאַלץ, דאַן לאָזט דעם טייג שטעהן א האַלבע שטונדע. מישט אויס די בוריקעס מיט דעם האָניג אָדער צוקער, אינגבער און ניס און שטעלט עס אַריין אין אַ פענדעל צו ברוינען. ווען עס איז ברוין, נעהמט עס אַרונטער פון פייער און גיט צו „מעד" אָדער טעה. לייגט אַרויף אויף א פּאַפּיער אָנגעשמירט מיט דער בוריקעס־מיקסטשור און באַדעקט זיי מיט אַנדערע דריי־עקעדיגע קוקיס. באַשמירט יעדען כרעמזעל מיט אַביסעל פעטס און באַקט אין א הייסען אויווען (400 גראַד) פאַר אַ האַלבע שטונדע. קערט עס איבער כדי צו ברוינען ביידע זייטען. איהר קענט זיי עסען הייס אָדער קאַלט. דער רעסיפּי פאַר דעם בוריקעס־פילינג איז גענוג פאַר דריי בייקינגס. פון דעם טייג רעסיפּי וועט איהר האָבען גענוג פאַר 15 כרעמזלאַך.

# די ב. מאַנישעוויטץ קאָמפּאַני

## כרעמזלאַך, נומער 1

- 6 אייער
- ½ קאָפּע צוקער
- ¾ קאָפּעס צעהאַקטע וועלשענע ניס
- די זאַפּט און שאָלעכץ פון אַ האַלבען לימענע (צעריבען)
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 6 לעפעל האָניג
- 6 לעפעל געגזענע אָדער הינערשע שמאַלץ

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון אייער מיט צוקער, ביז עס ווערט לייכט. וויקעלט איין אין די גוט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, גיט צו די ניס, צעריבענע לימענע-שאָלעכץ, לימענע-זאַפּט, מצה-מעהל. גיסט אריין לעפעלוויים אין אַ בעקעלע וואָס איז גוט אויסגעשמירט מיט האָניג און פעטס און באַקט אויף בײדע זייטען, ביז עס ווערט ברוין.

## כרעמזלאַך, נומער 2

- 3 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- ½ לעפעלע זאַלץ
- 1 לימענע (נאָר די צעריבענע שאָלעכץ)
- ¼ קאָפּע מאַנדלען
- ¼ קאָפּע ראָזשינקעס
- 1 לעפעלע צימרינג
- 4 אייער
- 1 קאָפּע צוקער

ווייקט די מצות ביז זיי זיינען ווייך, דריקט אויס די וואסער, צערייבט די מצות, אז זיי זאָלען ווערען ווי א קרים. גיט צו די צעריבענע לימענע-שאָלעכץ, זאַלץ, צוקער און די געלעכלאַך פון אייער, דאַן גיט צו ראָזשינקעס, מאַנדלען און צימרינג און וויקעלט אין די גערדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. גיסט אַרויף לעפעלוויים אויף אַ הייסען, לייכט-אָנגעפעטען פענדעל, און פּרעגעלט ביז עס ווערט לייכט-ברוין אויף בײדע זייטען. סערווירט הייס מיט געקאָכטע פלוימען.

## כרעמזלאַך, נומער 3

- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 1 קאָפּע צוגעגרייטע זופּ אָדער וויין
- 1 לעפעלע צעמאָהלענע מאַנדלען
- 1 לעפעלע צוקער
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- 4 אייער

זיפּט די מעהל אין א שיסעל, קאָכט אויף די זופּ אָדער וויין ביז עס זידט, און גיסט אריין אין דער מעהל און מישט אויס, גיט צו די מאנדלען, צוקער, זאלץ און די אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך פון די אייער, גיט צו צו דעם מיקסטשור די גערדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, לעגט עם אריין לעפעלוויים אין א סך פעטס און פרעגעלט עם ביז עס ווערט ברוין. טרוקענט עס אויס אויף דינעם פּאַפּיער, באַשפּרענקעלט מיט דינעם צוקער, און סערווירט מיט אירגענד וועלכען סאָוס.

## סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקא

- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 4 לעפעלאַך צוקער
- 1 לעפעלע זאַלץ
- 3 לעפעל צעמאָהלענע מאַנדלען
- 2 לעפעל צעהאַקטע ראַזשינקעס אָהן די קערענדלאַך
- 1 לעפעלע צימרינג
- 3 לעפעל אויל אָדער רינדערנע שמאַלץ
- 6 לעפעל וואַסער

### כרעמזלאַך, נומער 4

מישט אויס די אַלע שטאָפען ביז עס ווערט פון זיי אַ געדיכטע מאַסע, מאַכט דערפון קליינע, פּלאַטשיגע שטיקלאַך און לעגט אַריין אין אַ סך פעטס וואָס איז צעלאָזען אין אַ טעמפּעראַטור פון 375 גראַד. ווען די כרעמזלאַך ווערען ברוין, טריקענט זיי אויס אויף ברוינע פּאַפּיער, באַשפּרענקעלט מיט דינע צוקער. מען קען זיי עסען היים אָדער קאַלט.

- ¼ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 2 אייער
- ¾ קאָפּעס ראַזשינקעס אָהן די קערנדלאַך
- 1 לימענע (בלויז די זאַפט)
- ¼ טעה־לעפעלע צימרינג
- ⅓ קאָפּע צוקער
- ⅓ קאָפּע וואַסער

### כרעמזלאַך, נומער 5

שלאָגט אויף די ווייסלאַך פון די אייער צו אַ הארטען שוים, דאַן לייגט אַריין די אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך און מעהל, לאָזט אַרונטער לעפעלוויים אין אַ טיעפען פענדעל באַשמירט מיט פעטס און ברוינט אויף בײדע זייטען. דאַן גיט צו וואַסער, לימענע־זאַפט, צוקער, ראַזשינקעס און צימרינג. פאַרדעקט דעם פענדעל און קאָכט ביז די כרעמזלאַך זאַפּען איין דעם גאַנצען זאַפט. סערווירט היים אָדער קאַלט.

- ½ פונט געקאָכטע קאַלבס־לעבער
- ½ פונט געקאָכטע פלייש
- ½ קאָפּע גרייווי
- 4 טעה־לעפעלאַך זאַלץ
- ¼ טעה־לעפעלע פעפער
- 1½ פונט פּאָטייטאָס
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 4 אייער

### פּאָטייטאָ געפילטע פענקעיקס

צעהאַקט די לעבער און פלייש, מישט אויס מיט דער גרייווי, איין טעה לעפעלע זאַלץ און איין איי. קאָכט די פּאָטייטאָס ביז זיי ווערען ווייך, זייעט אָפּ און צערייבט זיי. גיט צו נאָך 3 אייער, די מצה מעהל, 3 טעה־לעפעלאַך זאַלץ און פעפער, און מישט עס אויס אין אַ טייג. קאַטשעט אויס קליינע ביסקיטס. לייגט אַריין אַן עס־לעפעל פון דעם פלייש־מיקסטשור צווישען צוויי ביסקיטס, פאַרקלעפּט די עקען, פּרעגעלט עס אין אַ הייסער פאַן ביז עס ווערט ברוין. סערווירט מיט גרייווי צו וועלכער איהר האָט צוגעגעבען דעם פלייש־מיקסטשור וואָס איז געבליבען.

# די ב. מאַנישעוויטץ קאָמפּאַני

## דאָונאַטס, נומער 1

- ⅔ קאָפּעס וואַסער
- ⅓ קאָפּע טשיקען־שמאַלץ
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 1 לעפעלע צוקער
- 3 אייער
- ¼ לעפעלע זאַלץ

קאָכט אויף די פעטס, וואַסער, צוקער און זאַלץ, גיט צו די מצה-מעהל, מישענדיג עס גוט אויס. לאָזט די מיקסטשור קאָכען פאַר א סעקונדע, נעמט עס אַוועק פון פייער און מישט גוט דורך. שלאָגט אויף די אייער איינציגווייס און גיט זיי צו איינציגווייס. באשמירט א פענדעל מיט פעטס און אויך אייערע הענד, מאַכט קליינע קייליכלאַך, אַרום צוויי אינטשעס די ברייט און מאַכט אַ לאָך אין מיטען מיט אייער פינגער, נאָכדעם ווי די קייליכלאַך זיינען אריינגעלעגט געוואָרען אין בעקעלע. באַקט אין א הייסען אויוועו (375 ביז 400 גראַד) פאַר אַ שטונדע.

## דאָונאַטס, נומער 2

- 1½ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 6 אייער
- ½ קאָפּע וואַסער
- ½ קאָפּע פעטס
- 1½ לעפעלעך זאַלץ

קאָכט אויף צוזאמען די וואַסער, פעטס און זאַלץ. ווען עס איז אויפגעקאָכט, גיט צו די מצה-מעהל און מישט עס אויס ביז די וואסער און פעטס זאַפּען זיך איין. נעמט עס דערנאָך אַוועק פון פייער, לאָזט עס דערנאָך קאָכען, שלאָגט אַריין די אייער איינציגווייס און קנעט עס גוט אויס. באַשמירט די הענט מיט פעטס און מאַכט פון דער טייג קניידלאַך די גרויס פון אַן איי, לעגט זיי אַוועק אויף פּאַפּיער באשמירט מיט פעטס, דאַן טונקט אַ פינגער אין וואַסער און מאַכט אַ לאָך אין מיטען פון יעדען קניידעל. באַקט עס אין אַ טעמפּעראַטור פון 375 גראַד אַרום אַ האַלבע שטונדע. לעגט עס דערנאָך אין דינעם צוקער.

## טשיקען קאָטלעטס

- ווייסע פלייש פון צוויי טשיקענס
- 3 אייער
- 1 ציבעלע (צעריבען)
- 3 לעפעלאך זאַלץ
- ¼ לעפעלע פעפער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־קעיק־מעהל
- 2 קאָפּעס געקאָכטע טאָמייטאָס
- ½ לימענע
- 3 לעפעל צוקער

צעמאָהלט די ווייסע פלייש פון די טשיקען אין אַ פלייש-מיהל, גיט צו די אייער, ציבעלע, זאַלץ, פעפער און מעהל. מישט גוט אויס און מאַכט פון זיי קליינע קייקלאַך. לעגט זיי אריין אין אַ פענדעל מיט הייסע פעטס, און ברוינט עס אויףביידע זייטען, דאן לעגט עס איבער אין אַ בעקעלע. מישט די טאָמייטאָס מיט לימענע-זאַפט און צוקער, און גיסט עס אַרויף אויף די קאָטלעטען. באַקט אין אַ מעסיגען אויוועו אַ האלבע שטונדע און סערווירט.

## קראַלערס

4 קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
1 קאָפּע פעטס
2 קאָפּעס וואַסער
10 אייער
2 לעפעלאַך זאַלץ

קאָכט אויף צוזאַמען די פעטס און די וואַסער, גיט צו די מצה-מעהל און מישט אויס. לאָזט די מיקסטשור אָפּקיהלען און גיט צו די זאַלץ און די גוט-אויפגעשלאָגענע אייער. קנעט גוט אויס, באַשמירט דאַן די הענד מיט פעטס און מאַכט קניידלאַך אַרום 2 אינטשעס אין דער ברייט. מאַכט אַ לאָך מיט'ן פינגער אין דערמיטען, נאָכ־דעם ווי איהר האָט זיי אַוועקגעלעגט אויף פּאַ־פּיער אָנגעשמירט מיט פעטס. באַקט אין אַ הייסען אויווען (400 גראַד) אַרום אַ האַלבע שטונדע. וויקעלט עס אין שטויב-צוקער.

## סעמאָן סענדוויטשעס

2 מאַנישעוויטץ'ס מצות
2 אייער
1 לעפעלע זאַלץ
⅛ לעפעלע פעפער
זאַפט פון אַ האַלבער לימענע
1 פונט קענד־סעמאָן
1 לעפעל פוטער
1 קאָפּע צעריבענע קאַרטאָפעל

צעבּרעכט די מצות און באַשפּרענקעלט זיי מיט אַביסעל וואַסער, צעשלאָגט די אייער, גיט צו די מצה, זאַלץ, פעפער, לימענע-זאַפט, קאַרטאָפעל און סעמאָן. (די סעמאָן דאַרף זיין אָהן די פעטס.) מישט אויס אַלע צוזאַמען און לעגט אַריין אין אַ בעקעלע באַשמירט מיט פוטער, באַשמירט אויבען מיט אַ לעפעל פוטער און באַקט פאַר 45 מינוט אין אַ געוועהנליך אָנגע־הייצטען אויווען אין אַ טעמפּעראַטור פון 350 גראַד. ווען קאַלט, צעשניידט עס פאַר סענדוויטשעס. דיזער מאכל קען געגעסען ווערען אַ טאָג שפּעטער.

## סעמאָן-לאַבען (לאוף) נומער 1

2 קאָפּעס סעמאָן
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
4 גוט־אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך פון אייער
4 עס־לעפעל צעלאָזענע פוטער
¼ טעה־לעפעלע זאַלץ
1 טעה־לעפעלע סיזאָנינג
1 טעה־לעפעלע צעהאַקטע פעטרישקע
4 האַרט־אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון אייער

מישט אויס די שטאָפען לויט דער אָרדנונג ווי עס ווערט דאָ אָנגעגעבען און פּאַרעט זיי אין אַ טאָפּ אָנגעשמירט מיט פעטס פאַר אַ שטונדע. סערווירט הייס אָדער קאַלט. ווען איהר סער־ווירט הייס געברויכט פאָלגענדען סאָוס: 1 קאָ־פּע מילך, 1 איי, 1 עס-לעפעל קאָרן-סטאַרטש, 2 עס-לעפעל פוטער, 1 טעה-לעפעלע קעטשאָפּ, אַ פיערטעל טעה-לעפעלע זאַלץ, אַן אַכטעל טעה־לעפעלע שפּאַנישע פעפער. קאָכט עס איבער הייסע וואַסער ביז עס ווערט געדיכט, האַלטענ־דיג אין איין מישען בשעת דעם קאָכען.

## סעמאָן-לאַבען (לאוף) נומער 2

- 1 פונטיגע קען סעמאן
- 2 אייער
- 1 טעה-לעפעלע זאַלץ
- ⅛ טעה-לעפעלע פעפער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל

מישט אויס די שטאָפען צוזאמען, געברויכענדיג אויך סעמאָן-זאַפט, לעגט אַריין אין א בעקעלע באַשמירט מיט פעטס און באַקט 30 מינוט אין אַ לאַנגזאַמען אויווען. ווען פאַרטיג קעהרט אי-בער אויף א טעלער און סערווירט אַרומגערינ-געלט מיט קריעמד אַרבעס און באַלעגט מיט פּעט-רושקע.

## געבאַקטע סעמאָן

- ½ פונט קענד סעמאָן
- 2 אייער, לייכט אויפגע-שלאָגען
- 1 לעפעל מילך
- 1 לעפעל מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
- 1 קליינע, צעהאַקטע ציבעלע
- ½ לעפעלע זאַלץ
- ⅛ לעפעלע פעפער
- 3 לעפעל פּוטער
- 2½ אָדער 3 קאָפּעס צעריבענע קאַרטאָפעל

מישט צוזאמען אלע שטאָפען א חוץ דער פּו-טער און די צעריבענע קאַרטאָפעל. צעלאָזט צוויי לעפעל פּוטער אין א פּודינג-פענדעל און לעגט אַוועק ביים דנאָ און ביי די זייטען די קאַרטאָ-פעל. לעגט זיי אויס איין אינטש דיק, לעגט אַוועק דערנאָך אין צענטער די אויסגעמישטע סעמאָן, שמירט אָן דאָס אויבערשטע פון די קאַרטאָפעל מיט דער פאַרבליבענער פּוטער. באַקט פאַר אַ האַלבע שטונדע אין אַ געוועגליך אָנגעהייצטען אויווען. א פּאָר מינוט איידער איר נעמט אַרויס פאַרגרעסערט די היץ אום צו מאַכען די קאַר-טאָפעל ברוין.

## סעמאָן-קראָוקעטס

- ½ קאָפּע צעריבענע מויערען
- 1 קאָפּע צעריבענע קאַרטאָפעל
- 1 צעהאַקטע ציבעלע
- 1 קאָפּע געקאָכטע רייז
- 1 פונט קענד-סעמאָן
- 2 לעפעלאַך זאַלץ
- 2 אייער
- ¼ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל

נעמט אַוועק די פליסיגקייט פון די סעמאָן, צע-רייבט די סעמאן מיט אלע אויסגערעכענטע שפּייז-אַרטיקלען, מאַכט קניידלאך, וויקעלט זיי אין מצה-מעהל און באַקט אין בעקעלאך מיט אַ סך פעטס ביז זיי ווערען ברוין, אין אַ טעמפּע-ראַטור פון 375 גראַד.

## מאַמוראַס

נעמט 1 מאַנישעוויטץ׳ס מצה פאַר יעדע פּערזאָן. טונקט איין די מצה אין קאָכיגע זאַלץ-וואַסער פאר איין מינוט. לעגט אַריין די אויסגעווייקטע מצות אין א שיסעל, באַגיסט עס מיט א ביסעל אָליווען-אויל און צעריבענע קעז. מאַכט דערפון אַזוי פיעל לעיערס, לויט דער צאָהל פון פּערזאָנען וואָס איהר ווילט סערווירען. שניידט עס אין שטיקלאך און סערווירט. געברויכט „האַשקעוואַל״ גריכישען קעז.

## פלוימען-פריטערס (פיינקוכען)

½ פונט פלוימען, געקאָכטע מיט די קערענדלאַך
4 מאַנישעוויטץ'ס מצות
1 קאָפּע צוקער
4 אייער
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
½ לעפעלע זאַלץ

ווייקט די מצות אין קאַלט וואַסער פאַר אַ פּאָר מינוט ביז זיי ווערען ווייך, און דאַן דריקט אויס די וואַסער, גיט צו צוקער, אויפגעשלאָגענע אייער, זאַלץ און מעהל. נעמט אַביסעל פון טייג, און גלייכט עס אויס אויף דער דלאָניע פון אייער האַנד, לעגט אריין אַ פלוים אין מיטען און דעקט צו מיט אַן אַנדער לענגליך-רונדע שטיקעל טייג און פאַרקלעפּט ביי די זייטען. וויקעלט עס אין מצה-מעהל און באַקט אין אַ סך פעטס אין אַ טעמפּעראַטור פון 375 גראַד ביז עס ווערט ברוין. באַשפּרענקעלט עס מיט דינעם צוקער.

## פלייש לאַבען (מיעט לאָוף) נומער 2

1 פונט צעמאַהלענע רינד-פלייש
1 פונט צעמאַהלענע קאַלב-פלייש
1 אָדער 2 אייער
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
1 ציבעלע
2 עס-לעפעל טאָמייטאָס
1½ טעה-לעפעלאַך זאַלץ
1 עס-לעפעל פעטס

מישט אויס גוט די פלייש, מצה-מעהל, טאָמייטאָס, זאַלץ, און גוט אויפגעשלאָגענע אייער. מאַכט דערפון אַ לאַבען, און באַגיסט מיט דער איבערגעבליבענער קען טאָמייטאָס אָדער גיסט אריין אין די זייטען גענוג וואַסער צו פאַרהיטען פון צוגעברענט ווערען. צעשניידט די ציבעלע פון אויבען זעהר דין און באַשפּרענקעלט מיט פעטס. באַקט אין אַ טעמפּעראַטור פון 400 גראַד פאַר איין שטונדע ביז אַ שטונדע און אַ האַלב.

## געפּרעגעלטע פיש

שטיקלאַך פיש (לויט דער צאָהל פון דער פאַמיליע)
1 איי צעשלאָגען
מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
זאַלץ און פעפער

באַשפּרענקעלט די שטיקלאַך פיש מיט זאַלץ און פעפער, וויקעלט זיי אין מצה-מעהל, טונקט איין אין אַן איי און דאַן טונקט אויך נאָך אַמאָל אין מצה-מעהל. באַקט אין אַ סך פעטס אין אַ טעמפּעראַטור ביז 350 גראַד, ביז עס ווערט ברוין.

## מצה-צוויבעל

עס איז ניט פאַראַנען קיין בעסערע פאַרשפּייז ווי ווען איהר נעמט אַ מאַנישעוויטץ מצה און רייבט אַן אויף אַ רויהע ציבעלע, לייכט באַשפּרענקעלט מיט זאַלץ און אריינגעלעגט אין אַן אויוועו אויף אַ פּאָר מינוט צו טרוקענען. באַשמירט עס מיט פוטער און סערווירט עס הייסערהייט. עס גיט צו אַ באַזונדערן געשמאַק צום ברעקפעסט אָדער אַלס צוביים צו טעה.

## געפילטע פעפערס

5 גרינע פעפערס
1 פונט צעמאָהלענע פלייש
2 מצות
2 אייער
2 עס-לעפעל זאַלץ
½ טעה-לעפעלע פעפער
2 עס-לעפעל מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
3 קאָפּעס קרויט
2 פונט טאָמייטאָס

צעשניידט די פעפערס אין א העלפט, שניידט אוועק דעם שטענגעל און וואשט אוועק די ווייסע קערנדלאך, זייעט אָפּ די טאָמייטאָ-זאַפט און האַלט עס באזונדער צו באַקען אין דעם די פעפערס. צעברעכט די מצות און מישט עס אויס מיט דעם פלייש, די אייער, די מעהל, די קרויט, די טאָמייטאָס און די געווירצען. פילט אָן דערמיט די האַלבע פעפערס און באַקט זיי אין דער טאָמייטאָ-זאַפט (ארום א שטונדע און א האלב), ביז זיי ווערען ברוין.

## פּאַין-עפּעל אָדער עפּעל פריטערס

2 אייער
¼ טעה-לעפעלע זאַלץ
1 עס-לעפעל צוקער
¼ קאָפּע וואסער
1 טעה-לעפעלע בעיקינג-פּוידער
½ קאָפּע מאנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
3 אָדער 4 שטיקלאך פּאַין-עפּעל אָדער 2 זויערע עפּעל פון מיטעלער מאָס

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו זאַלץ, צוקער און וואסער. מישט צוזאמען די מעהל און בייקינג-פּוידער און גיט צו צו די אייער-מיקסטשור. שניידט די פּאַין-עפּעל סלייסעס אויף פיערטלאך אָדער די עפּעל אויף אכטלאך. טונקט די עפּעל אָדער פּאַין-עפּעל אין די אויפגעשלאָגענע אייער, און באַקט אין אַ סך פעטס אין א טעמפּעראַטור פון 350 אָדער 375 גראַד, ביז זיי ווערען ברוין.

## קניידלאך, נומער 1

1¼ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
½ לעפעל זאַלץ
¼ קאָפּע טשיקען-פעטס
½ קאָפּע הייסע וואַסער
3 אייער
½ לעפעלע ציבעלע-זאַפט

לעגט אריין די פעטס אין א שיסעל, גיט צו הייסע וואסער און זאַלץ, מישט גוט אויס, לאָזט א ביסעל אָפּקיהלען, דאַן גיט צו די גוט-אויפגעשלאָגענע אייער, ציבעלע-זאַפט און מצה-מעהל. מישט גוט אויס און לאָזט עס שטעהן פאר איין שטונדע. דאן קאָכט אויף איין און א האלב קווארט וואסער, צוגעבענדיג איין לעפעל זאַלץ און איין גרויסע ציבעלע. און לאָזט עס זידען 5 מינוט. דאן מאכט פון די מצה-מעהל-מיקסטשור קניידלאך. לעגט זיי אריין אין דער קאָכיגער וואסער און קאָכט עס פאר 20 מינוט. סערווירט עס מיט זופּ.

# פיין מצה בעקערס

## קניידלאך, נומער 2

2 קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
2 לעפעלאַך זאַלץ
½ לעפעלע פעפער
¼ קאָפּע טשיקען־שמאַלץ
3 אייער
1¼ קאָפּעס וואַסער

שלאָגט אויף צוזאמען די אלע שפּייז־מאַטעריא־לען, און לאָזט שטעהן די מיקסטשור א האלבע שטונדע, באַשמירט דאַן די הענד מיט פעטס און מאַכט קליינע קניידלאך. לעגט זיי אריין אין קאָכיגע זופּ אָדער זאַלץ־וואַסער, קאָכט אַרום 20 מינוט.

## קניידלאַך, נומער 3

2 אייער
½ קאָפּע וואַסער
¼ טעה־לעפעלע זאַלץ
⅛ טעה־לעפעלע פעפער
1 טעה־לעפעלע פעטס
1 עס־לעפעל קאַרטאָפעל־מעהל
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו וואַסער, געוויר־צען און צעלאָזענע פעטס, מישט אויס די קאַר־טאָפעל מעהל מיט אַ האַלבע קאָפּע מצה־מעהל און גיט צו נאָך אַ האַלבע קאָפּע מעהל ביז די טייג ווערט שטייף גענוג צו מאַכען דערפון קניידלאַך, באַשמירענדיג דערביי די הענד מיט שמאַלץ. די קניידלאך דארפען זיין אין דער מאָס פון אַ וועלשענע נוס. לעגט אַריין אין גע־קאָכטע וואַסער וואָס איז געזאַלצען, אָדער אין זופּ און קאָכט פאַר צוואַנציג מינוט. די קנייד־לאַך קענען אויך געגעסען ווערען אנשטאט קאַר־טאָפעל, ווען איהר סערווירט געבראָטענס. פון דער רעסעפּי קומען ארויס 12 קניידלאך.

## קניידלאך, נומער 4

1 עס־לעפעל פעטס
2 אייער
½ טעה־לעפעלע זאַלץ
¼ טעה־לעפעלע פעפער
¼ טעה־לעפעלע אינגבער
2 טעה־לעפעלאך צעהאַקטע פעטרישקע
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל

צערייבט די פעטס אין פאָרם פון א קריעם, קלאפּט אריין אַן איי, גיט אַריין די געווירצען און א העלפט פון די מצה־מעהל. שלאָגט אריין די אַנדערע איי, און גיט צו די איבעריגע מעהל. מאַכט קליינע קייליכלאך (קניידלאך), לעגט זיי אַריין אין די זופּ און לאָזט עס קאָכען אַרום 10 מינוט. פּרובירט צוערשט איינע, און אויב עס צעפאלט זיך, גיט צו אַ ביסעל מעהר מעהל, גיט צו אַזוי ווייניג ווי מעגליך, ווייל וואָס ווייניגער מעהל איהר געברויכט אַלץ לייכטער קומען אַרויס די קניידלאך.

## קניידלאַך, נומער 5

- 3 אייער
- 1 עס־לעפעל טשיקען־פעטס
- ½ קאָפּע צעריבענע אָדער צעהאַקטע מאַנדלען
- ½ טעה־לעפעלע צוקער
- ⅛ טעה־לעפעלע נאָטמעג
- ⅛ טעה־לעפעלע זאַלץ
- ¼ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל

שלאָגט אויף די אייער באזונדער, דאן מישט אַריין די ווייסלאך אין די געלעכלאך. גיט אַריין פעטס אין דעם מעהל, גיט צו מאַנדלען און סיזאָנינג, דאן לעגט דעם מיקסטשור אין די אייער. לאָזט ארונטער לעפעלווייז אין א סך פעטס, געוואַרעמט צו א טעמפּעראַטור פון 375 גראַד, און פּרעגעלט ביז עס ווערט לייכט ברוין. לאָזט אָפּטריקענען אויף ברוינעם פּאַפּיער, האלט עס וואַרעם אין אויוועז און סערווירט מיט זופּ.

## קניידלאַך, נומער 6

- 3½ לעפעל מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
- ⅛ לעפעלע אינגבער
- ¼ לעפעלע צימרינג
- 1 לעפעלע צעמאָהלענע מאַנדלען
- ⅛ לעפעלע פעפער
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- ½ לעפעל טשיקען פעטס אָדער טריפענדע בראַטען־פעטס וואָס איז געלייטערט
- 1 איי

שלאָגט אויף די אייער באזונדערס, גיט צו צו די געלעכלאך די אנדערע שטאָפען, אריינוויקלענדיג די ווייסליכע צולעצט, מאכט פון דעם קליינע קייליכלאך און קאָכט עס 20 מינוט אין דער זופּ. איהר קענט האָבען פון דער רעסיפּי 4 קניידלאך יעדע גרוים ווי א וועלשענע נוס. זיי ווערען גרעסער ווערענד דעם קאָכען.

## קניידלאַך, נומער 7

- 1⅛ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
- 1 לעפעל טשיקען־שמאַלץ
- 1 קאָפּע לעבליכע וואַסער
- 2 אייער
- ½ קאָפּע צעריבענע קאַרטאָפעל
- 2½ לעפעלאך זאַלץ
- 1 לעפעל צעהאַקטע פּעטרישקע
- ¼ לעפעלע אינגבער
- ¼ לעפעלע פעפער

שלאָגט אויף די טשיקען-פעטס ביז עס ווערט ווייס, מישט עס אויס מיט די אייער, גיט צו וואַסער, מצה-מעהל און קאַרטאָפעל, און מישט אויס צוזאמען, באווירצט מיט פּעטרישקע, אינגבער, זאַלץ און פעפער, מאכט דאן קליינע קניידלאַך, און ווארפט זיי אריין אין קאָכיגע וואַסער, קאָכט זיי ארום 15 מינוט.

## קעז קניידלאַך, נומער 1

- ½ פונט קאטעדזש קעז
- 3 אייער
- ¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
- ¾ טעה־לעפעלאך זאַלץ
- ⅛ טעה־לעפעלע פעפער

מישט אויס אלע צוזאמען. קאטשעט אויס דערפון קליינע קניידלאך און מאכט זיי אביסעל פלאַך. קאָכט זיי אין זידענדיגע זאַלץ-וואַסער פאַר 10 מינוט. זייט זיי אָפּ און סערווירט מיט פּוטער.

## קעז קניידלאַך, נומער 2

3 עס־לעפעל צעלאָזענע פּוטער
3 עס־לעפעל מילך
3 אייער
1 טעה־לעפעלע זאַלץ
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
1 קאָפּע קאַטעדזש־קעז
½ טעה־לעפעלע צוקער

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו פּוטער, מילך, און אַ האַלב טעה־לעפּעלע זאַלץ. גיט צו מצה־מעהל ביסלעכווייז, מישט גוט אויס, און לאָזט שטעהן צעהן מינוט. מישט די קעז מיט צוקער און די איבערגעבליבענע זאַלץ. מאַכט פון אַ ביסעל טייג אַ קניידעל, מאַכט אַן איינשניט אין מיטען, און לעגט אריין אַן עס־לעפעל קעז, דאַן פאַרדעקט די קעז מיט טייג אַזוי אַז די קעז זאָל ניט ארויס־פאַלען. לעגט די קניידלעך אין זידענדיגע זאַלץ־וואַסער און קאָכט 15 מינוט. סערווירט אַ ביסעל אָנגעוואַרימט, מיט זויערע קריעם פון אויבען. דער רעסיפּי מאַכט 10-12 קניידלאַך.

## „סופּ נאָטס"

3 קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
½ קאָפּע פעטס
1 קאָפּע וואַסער
8 אָדער 9 אייער
2 לעפעלאַך זאַלץ
½ לעפעלע פעפער

לעגט אריין די מצה־מעהל אין אַ שיסעל, קאָכט אויף די פעטס און וואַסער און גיט צו צו דער מעהל, מישענדיג גוט די גאַנצע צייט מיט אַ גאָפּעל, אַז עס זאָל ניט בלייבען קיין טרוקענע מעהל. גיט צו זאַלץ און פעפער און שלאָגט אריין די אייער אין דער מיקסטשור, דאַן קנעט גוט דורך, באַשמירט די הענד מיט פעטס און מאַכט פון טייג קליינע קניידלאַך אַרום דריי־אַכטעל אינטש אין דער ברייט. לעגט עס אויף אַ גוט־אָנגעשמירטע פּאַפּיער און באַקט אין אַ הייסען אויווען (400 גראַד) אַרום אַ האַלבע שטונדע, ביז עס ווערט ברוין.

## טונא פיש פּודינג

1 קען טונא פיש
1 עס־לעפעל פּוטער
⅔ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
1 קאָפּע הייסע מילך
½ טעה־לעפעלע זאַלץ
⅛ טעה־לעפעלע פעפער
2 אייער

צערייבט די פיש גוט מיט אַ „פּאָטייטאָ מעשער". צעלאָזט די פּוטער אין מילך. גיט צו מעהל־גע־ווירצען און פיש. גיט צו די גוט אויפגעשלאָגענע אייער. לעגט אין אַ קאָנטעינער באַשמירט מיט פּוטער און פּאַרעט פּאַר אַ שטונדע. קעהרט אי־בער אויף אַ טעלער און גיסט אַרום דעם פּודינג אַ סאָוס געמאַכט פון די פאָלגענדע שטאָפען: 1 עס־לעפעל פּוטער, 1 און אַ האַלב עס־לעפעל מעהל, 1 קאָפּע מילך, טונא פיש זאַפט, אַ האַלבע טעה־לעפעלע זאַלץ, און אַכטעל טעה־לעפעלע שפּאַנישע פעפער.

## מצה-דאַמפּלינגס

- 3 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 4 אייער
- 2 לעפעל פעטס
- ½ לעפעל זאַלץ
- 1 לעפעל צעהאַקטע פּעטרישקע

ווייקט די מצות אין קאלטע וואסער, דאן לאָזט די וואַסער אָפּרינען. שלאָגט אויף די אייער, דאַן גיט צו פעטס, זאַלץ און די געווייקטע מצות. גיט צו די מצה-מעהל און פּעטרישקע, מישט גוט אויס, דעקט עס צו, און שטעלט אין אייז-באקס פאר פיער ביז פינף שטונדען איידער איהר מאכט דערפון קניידלאך. ווען איהר זיינט גרייט עס צו געברויכען, מאכט דערפון קניידלאך און לעגט זיי אַריין אין קאָכיגער זופּ, דעקט עס צו און לאָזט עס קאָכען א האלבע שטונדע.

## מצה-קניידלאך, נומער 1

- 4 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 1½ ציבעלעס (פון מי-טעלען גרויס)
- 3 לעפעל טשיקען-פעטס
- 4 אייער
- 2 לעפעלאך פּעטרישקע
- ¼ לעפעלע פעפער
- 2 לעפעלאך זאַלץ
- 4 לעפעלאך צוקער
- ⅓ אָדער ½ קאָפּע מאַני-שעוויטץ'ס מצה-מעהל

ווייקט די מצות אין קאַלטע וואסער און דריקט אויס די וואַסער, גיט צו די געווירצען און א האַלבע ציבעלע צעהאקט און צוגעברוינט, גיט צו די אויפגעשלאָגענע אייער, און גענוג מעהל צו קענען מאכען פון דעם קניידלאך. קאָכט די קניידלאך א 20 מינוט אין זאלץ-וואסער (איין לעפעלע זאלץ צו א קוואָרט וואסער). סערווירט די מצה-קניידלאך אנשטאט פּאָטייטאָס און מאַכט זיי באַ'טעמ'ט מיט די איבערגעבליבענע ציבעלע. די ציבעלע דאַרף זיין צעהאַקט און צוגעברוינט אין טשיקען-פעטס. די מצה-קניידלאך קומען ארויס לייכטער ווען איהר האלט זיי אַ שטונדע פריהער אין אייז-באקס און דערנאָך קאָכט איהר זיי.

## מצה-קניידלאך, נומער 2

- 2 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 2 לעפעל טשיקען שמאַלץ
- 1 לעפעל צעהאַקטע ציבעלע
- ¼ לעפעלע פעפער
- ½ לעפעלע אינגבער
- 1½ לעפעלאַך זאַלץ
- 1 לעפעל צעריבענע פּעטרישקע
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 4 אייער

ווייקט די מצות אין וואסער ביז זיי ווערען ווייך, דריקט אויס גוט די וואסער, באקט עס אין טשי-קען פעטס, צולעגענדיג ציבעלעס, געווירצען, מצה-מעהל, ווערענד עס איז נאָך הייס. לעגט עס ארויס אין אַ שיסעל, און ווען עס ווערט אָפּגעקיהלט גיט צו פיער אייער, אריינשלאָגענ-דיג זיי איינציגווייס, מאכט קניידלאך, וויקעלט זיי אין מצה-מעהל און טשיקען-פעטס און קאָכט עס פאר צוואנציג מינוט אין זופּ אָדער זאלץ-וואַסער.

# פיין מצה בעקערס

## מצה-קניידלאך, נומער 3

- 6 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 3 אייער
- 2 לעפעל טשיקען-פעטס
- 1 לעפעל צעהאַקטע פעטרישקע
- 5 ציבעלעס פון געווענ־ליכער גרויס
- 2 לעפעלאך זאַלץ
- ¼ לעפעלע פעפער
- ½ לעפעלע אינגבער
- ⅓ קאָפּע פעטס

ווייקט די מצות אין קאָכיגע וואסער פאר איין מינוט, דריקט אויס די וואסער און רייבט דורך א זיפּ, פּרעגעלט דריי ציבעלעס אין טשיקען-פעטס ביז זיי ווערען ברוין, דאן גיט צו די מצות און פּרעגעלט זיי ביז זיי ווערען טרוקען, לעגט עס איבער אין א שיסעל, גיט צו די געווירצען און די געלעכלאך פון די אייער, מישט עס אלעס צוזאמען פאר א פּאָר מינוט און דאן גיט צו די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע, מאכט קליי-נע קניידלאך, קייקלענדיג זיי אין א ביסעל מצה-מעהל, לעגט זיי אריין אין קאָכיגע זאלץ-וואסער (איין לעפעלע זאלץ צו א קוואָרט וואסער) פאר 15 מינוט. זייעט זיי אָפּ און גיסט אַרויף די פעט אין וועלכע די אנדערע צעשניטענע ציבעלעס האָבען זיך געברוינט.

## לעבער-קניידלאך

- 1⅔ קאָפּעס מאַנישע־וויטץ'ס מצה-מעהל
- 1½ קאָפּעס זידענדיגע וואַסער
- ½ פונט לעבער
- 3 אייער
- 1 געפּרעגעלטע ציבעלע
- 4 עס-לעפעל פעטס
- 1 טעה-לעפעלע זאַלץ
- ¼ טעה-לעפעלע פעפער

באַקט די לעבער, און ווען זי ווערט אָפּגעקיהלט צערייבט עס צוזאמען מיט דער געפּרעגעלטער ציבעלע, באגיסט די מצה-מעהל מיט דער גע-קאָכטער וואסער, לאָזט אָפּקיהלען, דאן מישט אויס גוט די איבעריגע שטאָפען, און מאכט דער-פון קניידלאך, די גרויס פון א וועלשענע ניס. לעגט זיי אריין אין זידענדיגער זופּ אָדער אין זאלץ-וואַסער און לאָזט זיי קאָכען פאר 20 מי-נוט. פון דעם רעסיפּי קריגט איהר 2 דאָזען קניידלאך.

## מאַרך-דאַמפּלינגס

- 1 לעפעל מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- ¾ לעפעלאך נאָטמעג
- 1 לעפעל פעטרישקע
- 3 לעפעל מאַרך
- 3 געלעכלאַך פון אייער

שלאָגט אויף דעם מארך ווי א קריעם, גיט צו זאלץ, נאָטמעג און פעטרישקע, שלאָגט אריין די געלעכלאך פון די אייער ביסלעכווייז, און גיט צו די מצה-מעהל. געברויכט בלויז אויף אַזוי פיעל מצה-מעהל אויף וויפיעל עס איז נויטיג צו קענען מאכען קליינע קייליכלאך פון דער מיקס-טשור (נעמט ארום 1 עס-לעפעל). גיט צו די דאַמפּלינגס צו דער קאָכענדיגער זופּ און קאָכט זיי פאר 15 מינוט. פון דער רעסיפּי וועט איהר האָבען ארום 9 אָדער 10 דאַמפּלינגס.

# די ב. מאַנישעוויטץ קאָמפּאַני

## „פלאפי“ קניידלאך

3 אייער
¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
½ טעה-לעפעלע זאַלץ

שלאָגט אויף די ווייסליכע פון אייער ביז האַרט, דאַן שלאָגט אַריין די געלעכלאַך. גיט אַריין די מצה-מעהל און זאַלץ. לאָזט שטעהן 5 מינוט. דאַן מאכט קניידלאך מיט א לעפעל און לעגט אַריין אין קאָכיגע זופּ אָדער זאַלץ-וואַסער. פאַרדעקט און קאָכט 45 מינוט. די רעסיפּי מאכט 12 גרויסע קניידלאך.

## מאנדלעך

3 אייער
⅔ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס קעיק-מעהל
⅛ טעה-לעפעלע זאַלץ
½ טעה-לעפעלע קאַרטאָפעהל-מעהל

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו מעהל, קארטאָפעל מעהל, און זאַלץ. קנעט אוים, און קאטשעט אוים אַ פיערטעל אינטש דיק, און צעשניידט אויף אַ פיערטעל אינטש סקווערס. פּרעגעלט אין אַ סך פעטס אָנגעוואַרימט צו 375 גראד ביז עס ווערט ברוין, און סערווירט מיט זופּ.

## פּאָטייטאָ קניידלאך

1 קאָפּע צעריבענע רויהע פּאָטייטאָס
1½ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
¼ קאָפּע טשיקען פעטס
3 אייער
¼ טעה-לעפעלע פעפער
¾ טעה-לעפעלאך זאַלץ
½ קאָפּע וואַסער

שלאָגט אויף צוזאמען אלע שטאָפען און לאָזט שטעהן איין שטונדע. באשמירט די הענד מיט פעטס און מאכט די קניידלאך פון דעם מיקסטשור. לעגט זיי אריין אין א קאָכיגע זופּ אָדער זאַלץ-וואַסער און קאָכט אַרום איין שטונדע. די רעסיפּי מאכט 24 קניידלאך די גרויס פון א וועלשענע ניס.

## וועדזשעטייבעל קניידלאך

1 קאָפּע גרינצייג (וועדזשעטייבעל) אַרויסגענומען פון זופּ
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
2 אייער
2 עס-לעפעל טשיקען-פעטס
½ טעה-לעפעלע זאַלץ
⅛ טעה-לעפעלע פעפער

נעמט ארויס די גרינצייג פון דער זופּ און צעריבט גוט. גיט צו די אנדערע שטאָפען, מישט גוט אוים, און מאכט דערפון קניידלאך אזוי גרויס ווי אַ וועלשענע ניס. לעגט צוריק אַריין די קניידלאך אין זידענדיגער זופּ, דעקט צו און קאָכט לאנגזאם פאר א שטונדע. פון דער רעסיפּי מאכט איהר ארום 10 קניידלאך.

## סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקאַ

½ עס־לעפעל מאַנישע־וויטץ'ס קעיק־מעהל
3 עס־לעפעל וואַסער
1 איי
זאַלץ

### לאָקשען, נומער 1

צו 1 איי צוגעבען אַ ביסעלע זאַלץ און 3 עס־לעפעל וואַסער. צעשלאָגט דאָס לייכט און צע־מישט מיט אַ האַלבען עס־לעפעל קעיק־מעהל. וואַרעמט אָן אַ ביסעל שמאַלץ אָדער בוימעל אין אַ פריייאינג פּען (אַ פּענדעל), דאַן באַגיסט דערמיט די דעק פון דער פּען און ברוינט איין זייט. דערנאָך קערט איבער אויף דער צווייטער זייט. ווען ביידע זייטען זיינען צוגעברוינט, לעגט דאָס אויף אַ פלאַכען פלאַץ אָפּצוקיהלען. דער־נאָך שניידט דערפון לאָקשען אַן אַכטעל אינטש ברייט און טוט זיי אריין אין זידענדיגע זופּ ווען אַלעס איז גרייט צום עסען.

½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק־מעהל
1 קאָפּע קאַרטאָפעל־מעהל
5 אייער

### לאָקשען, נומער 2

מישט אויס צוזאַמען די אויבענדערמאָנטע שטאָ־פען און קנעט זיי גוט אויס, און אַזוי דין ווי מעגליך, און לעגט אַוועק אויף אַ פּאָר שטונדען אויסצוטריקענען. דאַן שניידט זיי אויס אויף שטיקלאך, לויט ווי אייך געפעלט, טריקענט עס אויס און אויב נויטווענדיג קאָכט די לאָקשען פּאָר 20 מינוטען אין זאַלץ־וואַסער איידער איהר לעגט זיי אריין אין דער זופּ. איהר קענט אויך סערווירען די לאָקשען אנשטאָט אַ גרינצייג.

2 אייער
1 עס־לעפעל וואַסער
1 טעה־לעפעלע זאַלץ
⅔ קאָפּעס מאַנישע־וויטץ'ס קעיק־מעהל

### לאָקשען, נומער 3

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו וואַסער, זאַלץ, קנעט אַריין די קעיק־מעהל, קנעט עס אויס אַזוי דין ווי מעגליך אויף אַ לאָקשען־ברעט וואס איז באַדעקט מיט מעהל און לאָזט עס שטעהן פּאַר אַ האַלבע שטונדע אָפּצוטריקענען אביסעל. ווי־קעלט דערנאָך די טייג ווי אַ דזשעלי ראָל און צעשניידט עס אויף דינע שטיקלאך אין וועלכער מאָס איהר ווילט. לאָזט עס אָפּטרוקענען און איידער איהר סערווירט, קאָכט עס פּאַר 20 מי־נוט אין זאַלץ־וואַסער.

## מצה-מעהל אָמלעט

3 אייער
¾ קאָפּעס וואַסער
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
¼ לעפעלע זאַלץ
2 לעפעל פּוטער אָדער אַנדערע פעטס

שלאָגט אויף די אייער, ביז זיי זיינען זעהר לייכט און שוימעדיג, גיט צו וואַסער, זאַלץ און מצה-מעהל, מישט גוט אויס. צעלאָזט די פּוטער אין א גרויסען בעקעלע, און גיסט אַריין אין בעקעלע די מיקסטשור, לאָזט עס קאָכען ביז דער אונטערשטער טייל ווערט ברוין, דאַן קערט עס איבער און ברוינט צו די אנדערע זייט. אויב איהר ווילט קענט איהר עס קאָכען אַלס באַזונדערע אמלעטס. סערווירט מיט אייגגעמאַכטס, האָניג, סירופּ אָדער צוקער און צימרינג.

## מצה אָמלעט

1 מאנישעוויטץ׳ס מצה
1 איי
⅛ טעה-לעפעלע זאַלץ
אַ זעכצעהנטעל טעה-לעפעלע פעפער
1 עס-לעפעל פּוטער

צעברעכט די מצה אויף שטיקלעך איין אינטש סקווער, באגיסט מיט הייסע וואסער, און לאָזט באלד די וואסער אָפּרינען. שלאָגט אויף דאָס איי גוט, גיט צו די צואווירצונגען און מצה. דערווארימט די פּוטער אין א פענדעל, גיסט אַריין דעם אָמלעט און פּרעגעלט ביז עס איז ברוין אויף ביידע זייטען. סערווירט הייס.

## בעאָלאַס

¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
6 אייער

שלאָגט אויף די אייער ביז זיי ווערען לייכט, גיט צו אַזוי פיעל מצה-מעהל אז דער מיקסטשור זאָל זיך האלטען. ווארפט אריין פון שפּיץ-לעפעל אין אַ סך פעטס אָנגעווארעמט צו א טעמפּעראטור פון 375 גראַד. ווען עס ווערט לייכט ברוין, נעמט עס אַרויס און טריקענט עס אָפּ אויף ברוינע פּאַפּיער. סערווירט עס קאַלט מיט אַ סירופּ וואָס ווערט געמאכט ווי פאָלגט: קאָכט צוזאַמען פאר פינף מינוט איין קאָפּע צוקער, איין קאָפּע וואַסער און אַ האַלב לעפעלע צימרינג.

## געבאַקטע אייער

צעלאָזט אַ עס-לעפעל פּוטער אין א מעטאַלענער כלי, שלאָגט אַריין אַן איי, באַווירצט לויט אייער געשמאַק, און באַדעקט מיט לעיערס מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל און צעריבענעם קעז ביז די כלי איז פול. באַשפּרענקעלט מיט א ביסעל פּאַפּריקע און באַקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויווען ארום 15 מינוט ביז דאָס איי איז פאַרטיג.

# פיין מצה בעקערס

## מצות איינגעטונקען אין אייער

3 מאַנישעוויטץ'ס מצות
2 אייער
6 לעפעל צוקער
2 לעפעלאך צימרינג
4 לעפעלאַך צעריבענע לימענע־שאָלעכץ

ווייקט די מצות אין מילך אָדער וואַסער ביז זיי זיינען ווייך, צעשניידט זיי אין פיערטלאך אָדער אַכטלאך. טונקט איין אין די אויפגעשלאָגענע אייער און פרעגעלט אין פוטער ביז עס ווערט ברוין. מישט אויס צוזאמען די צוקער און צימרינג און באַשפרענקעלט מיט דעם די הייסע מצות. באַשפרענקעלט פון אויבען מיט צעריבענע לימענע־שאָלעכץ און סערווירט.

## מצות און אייער

1 מאַנישעוויטץ'ס מצה
2 לעפעל פוטער
3 אייער
¼ לעפעלע זאַלץ
אַ זעכצעהנטעל לעפעלע פעפער

ווייקט די מצה אין וואסער ביז זי ווערט ווייך, דריקט אויס די וואַסער, שטעלט אַוועק דאָס בעקעלע אויף דעם פייער און צעלאָזט די פוטער. פרעגעלט די מצה, און ווען פאַרטיג גיט צו די אויפגעשלאָגענע אייער און סקרעמבעלט, גיט צו זאַלץ און פעפער. אויב איהר ווילט קענט איהר צוגעבען א דריטעל קאָפע מילך צו די אייער.

## סקרעמבעלד מצות

6 מאַנישעוויטץ'ס מצות
2 לעפעלאַך זאַלץ
4 לעפעל צוקער
1½ לעפעלאך צימרינג
4 אייער

ווייקט די מצות אין וואסער ביז זיי זיינען ווייך, דריקט אויס די וואסער, שלאָגט אויף די אייער און גיט זיי צו צו די מצות, גיט צו זאַלץ, צוקער, צימרינג און באקט.

## מצה מיט צושלאָגענע אייער
## (סקרעמבעלד עגס)

6 מאַנישעוויטץ'ס מצות
3 אייער
4 עס־לעפעל גענזען־שמאַלץ

צעברעכט 6 מצות אויף קליינע שטיקלאך און לעגט זיי אריין אין א זייער (סיוו), גיסט ארויף זידיגע וואסער, זייט שנעל איבער, אַזוי אז די מצות זאָלען זיין פייכט און ניט צו־דורכגעווייקט. צעשלאָגט גוט 3 אייער, ווארעמט אָן 4 עס־לעפעל גענזענע שמאלץ אָדער אן אנדער פעטס אין א פאַן און גיסט אריין אהין די צעשלאָגענע אייער מיט מצה. איצט מישט דאָס גוט אויס מיט א לעפעל און ווען איהר מישט, גיט צו 4 עס־לעפעל צוקער. קאָכט דאָס לאנגזאַם ביז די אייער זיינען פארטיג. דערלאנגט דאָס הייסערהייט. איהר קענט דאָס מאַכען אָהן צוקער אויב איהר ווילט.

## מצה פּענקעיקס, נומער 1

- 2 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 2 לעפּעל פּוטער
- 1 איי
- 1 לעפּעל צוקער
- ½ לעפּעלע זאַלץ
- 1 קאָפּע מילך
- ½ קאָפּע מצה-מעהל

שלאָגט אויף די געלעכעל פון איי, גיט צו צוקער, זאַלץ, מילך, מעהל, און וויקעלט אין דער גוט אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון דעם איי, באַגיסט די מצה מיט וואסער, דאַן לעגט אריין אין אויוועז פאר אַ מינוט. צעשניידט די מצה אויף פיערטלאך, כדי איהר זאָלט קענען לייכטער אָנגעהן מיט דעם, באשמירט איין זייט פון דער מצה מיט די צונויפגעמישטע שטאָפען און באַקט עס מיט דער אָנגעשמירטער זייט ארונטער אין הייסע פּוטער, ביז עס ווערט ברוין. דאַן באַשמירט דעם אויבערשטען טייל, קערט איבער און לאָזט עס ווערען ברוין. סערווירט עס הייס, און באַשפּרענקעלט מיט דינעם צוקער.

## מצה פּענקעיקס, נומער 2

- 2 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 2 אייער
- ½ קאָפּע וואַסער
- 1 לעפּעלע זאַלץ
- ¼ לעפּעלע פּעפּער
- ⅔ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל

צעברעכט יעדער מצה אויף פיער טייל. ווייקט זיי, און לעגט זיי אריבער דעם דאמפּף פון א פענדעל אָדער דעם מויל פון א טשאַייניק, ביז זיי ווערען ווייך. מאכט א מיקסטשור פון אייער אינגרידיענס און באַשמירט מיט דעם איין זייט פון די מצות, לעגט זיי אריין מיט דער אָנגעשמירטער זייט ארונטער אין א הייסען, גוט-אָנגעשמירטען פענדעל און באקט עס ביז עס ווערט ברוין. איהר קענט אויך מאכען לאטקעס פון דער אייער-מיקסטשור, אריינגיסענדיג עס לעפעלוויים אין א סך פעטס.

## מצה פּענקעיקס, נומער 3

- 1½ מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 2 אייער
- ¼ טעה-לעפּעלע זאַלץ
- 1 טעה-לעפּעלע צוקער

ווייקט די מצות גוט און דריקט אוים די וואסער ביז טרוקען, גיט צו די אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך פון די אייער, זאלץ און צוקער, שלאָגט גוט אויף די ווייסליכע פון די אייער, לעגט עס אריין. לאָזט ארונטער לעפּעלוויים אויף א הייסע, גוט-באַפעטע בעקעלע און באקט ביז עס ווערט ברוין. דיזע רעסעפּי וועט אייך געבען פון זעקס ביז אַכט לאַטקעס.

## קווין אָוו פּענקעיקס

6 מאַנישעוויטץ'ס מצות
8 אייער
½ קאָפּע צוקער
1 טעה־לעפעלע צימערינג
½ קאָפּע צעלאָזענע פּוטער
½ טעה־לעפעלע לעמאָן־עקסטראַקט
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל

ווייקט די מצות אין וואַסער, און ווען זיי זיינען ווייך, דריקט אַרויס די וואַסער, גיט צו די אויפגעשלאָגענע אייער, צוקער, צימערינג, פּוטער, לעמאָן עקסטראַקט און שלאָגט גוט אויף. גיט צו די מצה־מעהל און מישט גוט אויס, דאַן לאָזט עס אַרונטער לעפעלווייס אויף אַ הייס מיט פּוטער אָנגעשמירטע גרידל (בראָטפּאַן) און בראָט ביז עס ווערט ברוין. באַשפּרענקעלט מיט צוקער און סערווירט הייס. די רעסיפּי מאַכט 16 פּענקעיקס.

## מצה־מעהל לאָקשען

2 אייער
¼ טעה־לעפעלע זאַלץ
2 עס־לעפעל מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
2 עס־לעפעל קאַרטאָפעל־מעהל

שלאָגט אויף די אייער אַ ביסעל, גיט צו זאַלץ, מעהל און קאַרטאָפעל מעהל. דערוואַרימט אַ טעה־לעפעלע פעטס אין אַ בראָט־פּאַן, גיסט אַריין די אייער מיקסטשור, קאָכט ביז עס ווערט ברוין אויף איין זייט, דאַן קעהרט איבער און ברוינט די אַנדערע זייט. קעהרט איבער אויף אַ ברעטעל, לאָזט אָפּקיהלען, און צעשניידט אויף שטיקלעך אַ זעכצעהנטעל אינטש די ברייט. אַזוי ווי דער קוכען איז דיק, וועלען די לאָקשען זיין ברייט. לעגט אַריין אין דער זופּ איידער איהר סערווירט.

## מצה אייערקוכען

¼ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
½ קאָפּע וואַסער
1 לעפעלע זאַלץ
4 אייער

גיסט אַריין אַ האַלבע קאָפּע וואַסער אין אַ פיערטעל קאָפּע מצה־מעהל. טוט אַריין אַ האַלבע טעה־לעפעלע זאַלץ און צעשלאָגט זעהר גוט 4 געלעכלאַך פון אייער. גיסט דאָס אַריין אין דעם מעהל און לאָזט דאָס שטעהן פאַר 5 מינוטען. צעשלאָגט גוט די ווייסלאַך פון די אייער און טוט זיי אַריין פאָרזיכטיג אין דעם אייער־טייג. נעמט לעפעלווייס פון דעם אייער־טייג, מאַכט דערפון קוכענס (קעיקס) און לעגט זיי אַריין אין אַ הייס איינגעשמירט פענדעל. מאַכט דאָס ברוין פון ביידע זייטען. דערלאַנגט זיי מיט צוקער, איינגעמאַכץ (דזשעלי) אָדער קאָנזערווירטע פרוכטען (פּרעזזירווס).

## פּאָמפּקין פּענקעיקס

2 קאָפּעס געקאָכטע פּאָמפּקין
½ קאָפּע פליסיגקייט פון פּאָמפּקין
¾ קאָפּעס מאַנישע־וויטץ'ס מצה־מעהל
½ לעפעלע זאַלץ
3 אייער
½ לעפעלע מוסקאַט־ניס

מישט אוים די שטאָפען לויט דער אָרדנונג ווי זיי ווערען אָנגעגעבען. פּרעגעלט עס אין הייסע פעטס. סערווירט מיט סירופּ אָדער באַשפּרענ־קעלט מיט צוקער און צימערינג. אַ סך האָבען דאָס ליעב צו סערווירען מיט זויערע סמעטענע.

## געשמאַקע פארפעל פענקעיקס

4 קאָפּעס מאַנישע־וויטץ'ס מצה־פאַרפעל
4 אייער
2 קאָפּעס וואַסער
1½ לעפעלאך זאַלץ

גיסט ארויף די וואסער אויף די פאַרפעל. גיט צו גוט אויפגעשלאָגענע אייער און די זאַלץ. מישט גוט אוים און פּרעגעלט אין הייסע פעטס ביז עס ווערט גאָלדען ברוין. באַשפּרענקעלט מיט צוקער און סערווירט מיט סירופּ. איהר קריגט פון דער רעסיפּי 20 פענקעיקס.

## וואפעלס

1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק־מעהל
½ טעה־לעפעלע זאַלץ
3 טעה־לעפעלאך בייקינג־פּוידער
3 אייער
2 קאָפּעס מילך
4 עס־לעפעל צעלאָזענע פּוטער

זיפּט צוזאַמען די קעיק־מעהל, זאַלץ און בייקינג פּוידער. שלאָגט אויף די געלעכלאך פון די איי־ער, גיט צו מילך, דאַן גיט צו דיזע מיקסטשור צו די טרוקענע שטאָפען ביסלעכוויים, און שלאָגט אויף גוט. גיט צו די צעלאָזענע פּוטער און צולעצט מישט אריין הארט־אויפגעשלאָגענע וויסליכע פון די אייער. באקט אויף א הייסען וואפעל־אייזען ביז עס ווערט גוט ברוין.

## קעז־לאטקעס, נומער 1

½ פונט קריעם־טשיז
½ פונט פאַרם אָדער געפּרעסטע קעז
8 אייער
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
1½ לעפעלעך זאַלץ
¼ לעפעלע פעפער
1 לעפעל צוקער (אויב מען וויל)

מישט אוים צוזאמען די ביידע סאָרטען קעז און גיט צו די אויפגעשלאָגענע אייער. מישט אוים לאַנגזאַם צוזאמען די מצה־מעהל און סיזאָנינג. צעלאָזט צוויי לעפעל פּוטער אין א פענדעל און גיט אריין לעפעלוויים די אויפגעמישטע קעז אין דער הייסער פּוטער. פּרעגעלט ביז עס ווערט לייכט־ברוין אויף ביידע זייטען און עסט עס הייסערהייט. איהר קענט עס באַשפּרענקלען מיט פּוידער־צוקער, אויב איהר ווילט.

## קעז-לאטקעס, נומער 2

3 אייער
1 לעפעל צעלאָזענע פוטער
4 צעברעקעלטע מאַנישעװיטץ'ס מצות אָדער 2 קאָפּעס מאַנישעװיטץ'ס פאַרפעל
½ לעפעלע זאַלץ
¼ לעפעל צימרינג
2 לעפעל קאטעדזש אָדער קריעם-קעז

שלאָגט אויף די אייער, גיט צו דאַן אַלע שטאָפען אויסער די מצות אָדער פאַרפעל און מישט גוט אויס. באַנעצט די מצות אָדער פאַרפעל מיט א ביסעל הייסע מילך אָדער װאַסער און דאַן מישט עס אויס מיט דעם אייער-מיקסטשור. גיט עס אַרויף לעפעלוויים אויף א סקאָװאָראָדע װאָס איז גוט באַשמירט מיט פוטער און פּרעגעלט ביז עס װערט גאָלדען-ברוין, און באַשפּרענקעלט מיט דינעם צוקער. איהר קענט עסען דיזע לאַטקעס הייס אָדער קאַלט.

## קאַרטאָפעל-לאַטקעס, נומער 1

3 קאָפּעס צעריבענע רויהע קאַרטאָפּעל
1 גרויסע ציבעלע
2 אייער
1½ עס-לעפעל זאַלץ
2½ עס-לעפעל מאַנישעװיטץ'ס מצה-מעהל
1 טעה-לעפעלע בייקינג-פּוידער

מישט אויס צוזאמען אַלע שטאָפען און לעגט אַריין לעפעלוויים אין א פענדעל וואס איז באַדעקט מיט הייסע רינדערנע פעטס. פּרעגעלט די לאַטקעס לאנגזאם ביז זיי װערען ברוין אויףביידע זייטען, דאַן סערווירט זיי מיט זופּ. אין אַנדערע לענדער סערווירט מען די לאַטקעס מיט געבאַקענע אָדער געקאָכטע עפּעל, אָדער מיט רהובארב סאָוס.

## קאַרטאָפעל לאַטקעס, נומער 2

5 אָדער 6 צעריבענע רויהע פּאָטייטאָס (ארום 3 קאָפּעס)
1 צעריבענע ציבעלע
2 אייער
¾ קאָפּעס מאַנישעװיטץ'ס מצה-מעהל
1 עס-לעפעל זאַלץ
½ טעה-לעפעלע פעפער

לאָזט אָפּזייען די װאַסער פון די צעריבענע פּאָטייטאָס, מישט זיי דערנאָך אויס מיט די אַנדערע שטאָפען. לאָזט אַרונטער לעפעלוויים אין פּיעל פעטס װאָס איז אָנגעהייצט צו א טעמפּעראַטור פון 375 גראַד. פּרעגעלט ביז עס װערט גאָלדען-ברוין. איהר קריגט דערפון פון 10 ביז 12 לאַטקעס.

## מעשד פּאָטייטאָ לאַטקעס

2 קאָפּעס מעשד-פּאָטייטאָס
1 קאָפּע מאַנישעװיטץ'ס קעיק-מעהל
1¼ קאָפּעס װאַסער
½ לעפעלע זאַלץ
4 אייער

גיט צו די גוט-אויפגעשלאָגענע אייער צו די גוט-צעריבענע קאַרטאָפּעל, גיט צו די װאַסער צו די קעיק-מעהל און זאַלץ און מישט גוט אויס. פּרעגעלט עס אין הייס פעטס ביז עס װערט גאָלדען-ברוין.

## מאַק-לאָקשען-פּודינג

- 4 מאַנישעוויטץ׳ס מצות
- 3 אייער
- 5 עס־לעפעל צעלאָזענע פּוטער
- 4 עס־לעפעל צוקער
- ½ טעה־לעפעלע זאַלץ
- ½ טעה־לעפעלע צימרינג
- ¼ פונט צעהאַקטע וועלשענע ניס
- 3 עפּעל, צעשניטען זעהר דין

צעברעכט די מצות אויף שמאָלע שטיקלאך, באַגיסט זיי מיט קאָכיגע וואַסער, דאַן לאָזט די וואַסער אָפּזייען, און די מצות אָפּקיהלען. מישט אויס דערנאָך מיט די גוט-אויפגעשלאָגענע אייער, זאַלץ, 3 עס-לעפעל צוקער און פּוטער. לעגט אַריין אַ העלפט פון דיזער מיקסטשור אין אַ כלי פאַר פּודינג, וועלכע איז באַשמירט מיט פּוטער, דאַן לעגט אַריין די ניס, עפּעל. באַשפּרענקעלט די עפּעל מיט צימרינג און מיט דעם פאַרבליבענעם לעפעל צוקער. לעגט דערנאָך אַוועק פון אויבען די אַנדערע העלפט פון דער מצה-מיקסטשור, באַשמירט מיט פּוטער און באַקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויווען ארום אַ האַלבע שטונדע.

## מצה-פּאַי

- 1¼ מאַנישעוויטץ׳ס מצות
- ½ קאָפּע שאָרטעניננ
- די געלעכלאך פון 3 האַרט געקאָכטע אייער
- 1 קאָפּע צוקער
- 1 טעה־לעפעלע זאַלץ
- 2 רויהע אייער
- צעריבענע שאָלעכץ פון 1 לימענע
- ¼ טעה־לעפעלע מוסקאַט־נוס
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
- 3 עפּעל (מיטעלמעסיגער גרויס)
- 1 טעה־לעפעלע לימענע־זאַפּט
- ½ קאָפּע צעהאַקטע ניס
- ⅓ קאָפּע צוקער, געמישט מיט 1 טעה־לעפעלע צימרינג

ווייקט די מצות אין וואַסער פאַר צעהן מינוט, דאַן דריקט אויס די וואַסער. קריעמט די שאָרטענינג, גיט צו מצות, און מישט זעהר גוט אויס. צעקוועטשט די געלעכלעך פון די דריי האַרט-געקאָכטע אייער מיט אַ גאָפּעל ביז זיי זיינען גוט צעבראָקעלט, גיט זיי צו צו דער מיקסטשור, דאַן די קאָפּע צוקער, זאַלץ, און די צוויי רויהע אייער, גוט אויפגעשלאָגען. גיט צו די צעריבענע לימענע שאָלעכץ, מוסקאַט-נוס, און צולעצט די מצה-מעהל, מישענדיג גוט ווען איהר גיט אַריין יעדע ביימישונג. צעשניידט די עפּעל, דאַן באַנעצט זיי מיט דער לימענע-זאַפּט. באַשמירט אַ גרויסען פּאַי-פּאַן מיט פעטס, לעגט אַריין אַ העלפט פון דער מיקסטשור, באַדעקט עס מיט די עפּעל, און באַשפּרענקעלט מיט געמישטע צוקער און צימרינג און צעהאַקטע ניס. לעגט אַרויף פון אויבען די אנדערע העלפט פון דער מיקסטשור, אַריינטונקענדיג דעם לעפעל אין צעלאָזענע פעטס כדי די מיקסטשור זאָל ניט קלעפּען צו דעם לעפּעל. באַקט אין אַ מעסיגען אויווען 30 ביז 40 מינוט. איהר קענט ענדערען דיזען רעסיפּי, געברויכענדיג אַ פונט געקאָכטע פלוימען, וועלכע איהר האָט צעדריקט ביז צו פּאַלפּ, פאַר דעם פילינג.

## טשאָקאָלאַט „סופעל“

1 עס־לעפעל מעהל
1 עס־לעפעל פּוטער
¾ קאָפּעס מילך
1½ אונצעס ניט־זיסע טשאָקאָלאַט
1 טעה־לעפעלע זאַלץ
½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
½ קאָפּע צוקער
4 אייער
½ טעה־לעפעלע וואַניליא

מישט אוים צוזאמען די מעהל און פּוטער, גיט צו מילך און קאָכט ביז עס ווערט געדיכט, האַלטענדיג אין מישען. נעמט דערנאָך אַוועק פון פייער, און גיט צו צעלאָזענע טשאָקאָלאַט, זאַלץ, מעהל, צוקער, די גוט-אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך פון די אייער, און וואַניליא, שלאָגט אלע צוזאַמען גוט אויף, דאַן לעגט אַריין די האַרט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער און גיסט אַריין אין אַ כלי וואו מען מאַכט פּודינג באַשמירט מיט פעטס. באַקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויווען אַרום אַ שטונדע און סערווירט היים מיט האַרטע סאָוס.

## קריעם-פּאָפּס

1 קאָפּע וואַסער
⅓ קאָפּע פעטס
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
½ לעפעלע זאַלץ
4 אייער

גיסט אַריין די וואסער אין די פעטס אין א פּענדעל און קאָכט אויף. ווען עס קאָכט אויף, גיט אַריין די מעהל און זאַלץ, און קאָכט ווייטער און מישט עס ביז די טייג ווערט אָפּגעטיילט פון די זייטען פון פּענדעל. נעמט אַרונטער פון פייער, גיט צו די ניט-אויפגעשלאָגענע אייער איינציגווייס, גיסט עס ארויף לעפעלווייס אויף אַ שטיק פּאַפּיער, אָנגעשמירט מיט פעטס און באַקט פאר 25 מינוטען אין אַ טעמפּעראַטור פון 450 גראַד, און דאַן באַקט נאָך פאר 45 מינוט אין א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד, ביז עס ווערט דורכאוים קרוכלע. פון דעם רעסיפּי וועט איהר האָבען 12 פּאָפּס. ווען די פּאָפּס זיינען אָפּגעקיהלט, מאכט א שניט אין דער זייט פון יעדער, גיט אַריין ארום א לעפעלע פון דעם פּילינג און באַשפּרענקעלט עס מיט דינעם צוקער. פּילינג פאר קריעם-פּאָפּס: 2 אייער, דריי-פיערטעל קאָפּעס צוקער, א לעפעל קאַרטאָפעל-מעהל, אַ לעפעלע פּוטער, א לימענע, 1 קאָפּע וואַסער. צעשלאָגט גוט די אייער, מישט אוים די צוקער מיט די מעהל, גיט צו די אייער און שלאָגט עס לייכט צוזאמען. גיט צו לימענע- זאַפט, פּוטער און וואַסער (לאנגזאם), קאָכט עס אין אַ דאָפּעלטען באָילער, ביז עס ווערט דערפון אַ געדיכטער קאָסטאַרד. קיהלט עס אָפּ און לעגט אַריין אין די „קריעם פּאָף“ שעלס.

## מצה-מעהל פּודינג

- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 1 פּאַינט מילך
- 2 אייער
- ⅔ קאָפּעס ברוינעם צוקער
- 4 לעפעל פּוטער
- 1 לימענע (נאָר די צעריבענע שאָלעכץ)

שלאָגט אויף די אייער, די מילך און די מעהל, גיט צו צוקער און צעלאָזענע פּוטער, לימענע-שאָלעכץ. גיסט עס אַריין אין אַ טאָפּ אָנגעשמירט מיט פעטס און קאָכט פאַר איין שטונדע, אָדער באַקט פאַר אַ שטונדע און אַ האַלב אין אַ מעסיג-געהייצטען אויוועז.

## עפּעל-פּודינג, נומער 1

- 1 פונט מאַנישעוויטץ'ס מצות (9⅓ קאָפּעס צעבראָקט)
- 6 עפּעל
- 12 אייער
- 1½ קאָפּעס טשיקען-פעטס
- 1 טעה-לעפעלע זאַלץ
- ¼ טעה-לעפעלע פעפער
- 1½ טעה-לעפעלאך צימרינג
- ½ קאָפּע צוקער
- 2 לימענעס (צעריבענע שאָלעכץ און זאַפט)
- 1 טעה-לעפעלע וואַנילא
- 1½ קאָפּעס קאַלטע וואַסער
- ½ קאָפּע צעהאַקטע וועלשענע ניס
- ½ קאָפּע ראָזשינקעס

צעברעקעלט די מצות, באַגיסט זיי מיט וואַסער און לאָזט ווייקען פאר 5 מינוט, דאַן לאָזט די וואַסער אָפּרינען. שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער, גיט צו וואַסער, טשיקען פעטס, איין טעה-לעפעלע צימרינג, זאַלץ און פעפער, צעריבענע לימענע שאָלעכץ, וואַנילא און וועלשענע ניס. גיט צו מצות און מישט צו די האַרט-אויפגעשלאָגענע ווייסלאַך פון די אייער. באַשמירט א פּודינג-כלי מיט פעטס און לעגט אַריין א לעיער פון דעם מיקסטשור. שיילט אָפּ די עפּעל און צעשניידט אויף דינע שטיקלאַך און לעגט אַ לעיער דערפון אויף דעם פּודינג, באַשפּרענקעלט מיט אַ טייל פון דעם צוקער, די איבערגעבליבענע צימרינג, ראָזשינקעס און לימענע-זאַפט. לעגט ארויף נאָך 2 לעיערס און באקט אין א הייסען אויוועז (375 גראַד) ביז עס ווערט ברוין — אַרום 45 מינוט. סערווירט מיט אירגענד וועלכען סאָוס לויט אייער געשמאַק.

## עפּעל-פּודינג, נומער 2

- 3 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- ⅔ קאָפּעס וויינפּערלאַך (¼ פונט)
- ½ קאָפּע ראָזשינקעס (¼ פונט)
- ¾ קאָפּעס ברוינעם צוקער
- 4 לעפעל צעלאָזענע פעטס
- 3 גרויסע עפּעל
- 1 לימענע (בלויז די שאָלעכץ)
- 6 אייער
- 2 לעפעלאַך צימרינג

ווייקט די מצות און דריקט אוים די וואַסער, גיט צו די עפּעל, אָפּגעשיילט און צעשניטען אויף קליינע שטיקלאַך, גיט צו וויינפּערלאַך, ראָזשינקעס, צימרינג, לימענע-שאָלעכץ, צוקער און פעטס, מישט זיי אוים צוזאמען מיט די גוט-אויפגעשלאָגענע אייער, גיסט אַריין אין אַ פּענדעל אָנגעשמירט מיט פעטס און באַקט אין אַ מעסיגען אויוועז (350 גראַד) אַרום 45 מינוט, ביז די עפּעל ווערען ווייך. איהר קענט קאָכען דעם פּודינג, אויב איהר ווילט. סערווירט עס מיט ראָם-סאָוס.

# פיין מצה בעקערס

## מעערען-פודינג

½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
1½ קאָפּעס דינעם צוקער
8 אייער
2 קאָפּעס צעריבענע מעערען
½ קאָפּע צעריבענע מאַנדלען
½ לימענע, בלויז די צעריבענע שאָלעכץ
1 עס-לעפעל וויין
¼ טעה-לעפעלע זאַלץ

שלאָגט אויף צוזאַמען די געלעכלאך פון די אייער און צוקער ביז זיי ווערען זעהר לייכט. גיט צו אַלע אַנדערע שטאָפען און גיט צו די האַרט-אויפגעשלאָגענע ווייסלאך פון אייער צולעצט. באַקט אין אַ פענדעל וואָס איז באַשמירט ביים דנאָ מיט פעטס און באַשפּרענקעלט מיט מעהל. איין שטונדע אין אַ מעסיגען אויווען (300 גראַד).

## מצה-קוגעל, נומער 1

3 מאַנישעוויטץ׳ס מצות
2 לעפעל פעטס
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
¼ קאָפּע צעהאַקטע מאַנדלען
½ לימענע (בלויז די צעריבענע שאָלעכץ)
1 גרויסען עפּעל (צעריבען)
5 אייער
½ לעפעלע זאַלץ
¼ פונט (½ קאָפּע) הייסע פעטס

ווייקט די מצות אין וואַסער, ווען זיי זיינען ווייך, דריקט אויס די וואַסער, צעלאָזט די פעטס אין אַ פענדעל, און גיט צו די מצות, זיי זאָלען זיך וו֫ייטער אויסטריקענען. ווען זיי זיינען טרוקען, לעגט זיי אַרוים אין אַ שיסעל, גיט צו די מצה-מעהל, מישט עס גוט אויס. דאַן גיט צו די אויפגעשלאָגענע געלעכלאך פון די אייער, די מאַנדלען, די לימענע-שאָלעכץ, די זאַלץ, די צעריבענע עפּעל, און צולאָזט די גוט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער. לעגט עס אַריין אין אַ פודינג-כלי אָנגעשמירט מיט פעטס, און גיסט אַרויף די הייסע פעטס. באַקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויווען (350 גראַד) פאַר אַ 40 מינוט, ביז עס ווערט ברוין.

## מצה קוגעל, נומער 2

6 מאַנישעוויטץ׳ס מצות
1 קאָפּע פעטס
½ קאָפּע ראָזשינקעס
¼ קאָפּע סיטראָן
¼ קאָפּע לימענע-שאָלעכץ
½ קאָפּע מאַנדלען
2 אונצעס טשאָקאָלאַט
½ קאָפּע צוקער
1 טעה-לעפעלע צימרינג
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל
½ טעה-לעפעלע מושקאַטן-ניס (נאָטמעג.)
1½ טעה-לעפעלאך זאַלץ
½ טעה-לעפעלע קלאָוו
¼ טעה-לעפעלע מויס

ווייקט די מצות אין וואַסער און ווען זיי זיינען ווייך, פּרעסט גוט אויס די וואַסער. צעשניידט גוט די שטיקלאַך פעטס, ראָזשינקעס, ציטראָן, לימענע שאָלעכץ און מאַנדלען און גיט צו צו די מצות. צעלאָזט די טשאָקאָלאַט און גיט צו דאַן די צוקער, זאַלץ, געווירצען און מעהל. וואַרימט אויף איין עס-לעפעלע פעטס אין אַן אייזערנעם טאָפּ מיט אַ קאָווער, און גיסט אַריין דעם פודינג. לעגט אין אַ מעסיגען אויווען, ביז עס הויבט אָן צו באַקען, דאַן גיסט אַריין אַ קאָפּע וואַסער אַרום די זייטען פון פודינג און דעקט צו. באַקט עס 3 שטונדען.

## פאַרפעל פודינג, נומער 1

2 קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה-פאַרפעל
2 אייער
⅓ קאָפּע צוקער
½ לעפעלע זאַלץ
3 לעפעלאַך היהנער-שמאַלץ
1 עפּעל אָדער באַנאַנאַ
¼ קאָפּע צעהאַקטע ניס

דעקט צו די פאַרפעל מיט קאַלטע וואַסער, זייעט באַלד דורך אַז די פאַרפעל זאָלען זיין בלויז פייכט. גיט צו די אויפגעשלאָגענע אייער, זאַלץ, צוקער און שמאַלץ. שניידט אַריין די עפּעל אָדער באַנאַנאַ און גיט צו די ניס. גיט עס אַריין אין אַ גוט-אָנגעשמירטע בעקעלע און באַקט אין אַ מעסיג געהייצטען אויווען פאַר אַ האַלבע שטונדע, ביז עס ווערט ברוין.

## פאַרפעל פודינג, נומער 2

3 קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס פאַרפעל
1 קוואָרט קאָכיגע וואַסער
1½ לימענעס, די שאָלעכץ און זאַפט
2 אייער
½ קאָפּע צוקער
1 לעפעלע זאַלץ
3 לעפעל טשיקען-פעטס אָדער פּוטער

גיסט איבער די פאַרפעל מיט קאָכיגע וואַסער, לאָזט עס ווייקען אַרום 10 מינוט, דאַן דריקט אויס די וואַסער, גיט צו לימענע-זאַפט, און די צעריבענע שאָלעכץ פון לימענע, צוקער, זאַלץ און פעטס, מישט עס גוט אויס, לעגט עס אַריין אין אַ בעקעלע אָנגעשמירט מיט פעטס, און באַקט עס פאַר צוויי שטונדען אין אַ מעסיגען אויווען אין אַ טעמפּעראַטור פון 325 גראַד, סערווירט מיט ראַזשינקע-זאַפט אָדער מיט אירגענד וועלכען אַנדערען סאָוס וואָס איהר גלייכט.

## מצה-פודינג, נומער 1

10 מאַנישעוויטץ'ס מצות
6 אייער
½ פונט צעהאַקטע וועלשענע ניס
1 קאָפּע צוקער
6 לעפּעל געגזענע פעטס

שלאָגט אויף די ווייסליכע פון די אייער געדיכט, שלאָגט אַריין די צוקער לאַנגזאַם, דאַן גיט צו די גוט-אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך פון די אייער, טונקט די מצות אין וואַרעמע וואַסער און צעשניידט זיי אַזוי, אַז זיי זאָלען זיך אַריינפּאַסען אין אַ בעקעלע. באַשמירט דאָס בעקעלע מיט פעטס, טונקט איין די מצות פאַר דעם ערשטען לעיער אין דער געמיש פון אייער און לעגט זיי אַריין אין בעקעלע, שמירט אָן פון אויבען מיט אַ טייל פון דער פעטס און באַשפּרענקעלט מיט ניס. ווידערהאָלט דאָס זעלבע נאָכאַמאָל ביז איהר פאַרברויכט דעם גאַנצען מיקסטשור. באַגיסט עס מיט די אייער אָדער פעטס וואָס פאַרבלייבט און באַקט איין שטונדע אין אַ הייסען אויווען (375 גראַד). סערווירט עס מיט וועלכער סאָוס איהר ווילט.

# סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקא

## מצה-פּודינג, נומער 2

- 2 קאָפּעס צעריבענע עפּעל
- 4 אייער
- ⅔ קאָפּעס דינעם צוקער
- ½ לימענע, בלויז די שאָלעכץ (צעריבען)
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 4 עס-לעפעל צעהאַקטע מאַנדלען

שלאָגט אויף די צוקער און געלעכלאך פון אייער ביז זיי ווערען לייכט, גיט צו עפּעל, לימענע-שאָלעכץ און מצה-מעהל. גיט צו די האַרט-אויפגעשלאָגענע ווייסלאך פון אייער, לעגט אין אַ ספּרינג פאָרם, באַשפּרענקעלט מיט מאַנדלען און באַקט אין אַ מעסיגען אויווען.

## מצה-פּודינג, נומער 3

- 4 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 2 אייער
- ½ קאָפּע צוקער
- 1 גרויסער טאַרט עפּעל
- ½ טעה-לעפעלע זאַלץ
- ½ קאָפּע ראָזשינקעס
- ½ טעה-לעפעלע צימרינג
- 2 עס-לעפעל צעלאָזענע פעטס

ווייקט די מצות אין וואַסער ביז זיי ווערען ווייך, לאָזט די וואַסער אָפּרינען, אָבער פּרעסט עס ניט טרוקען, גיט צו די אייער, גוט אויפגעשלאָגען, צוקער, עפּעל, צעשניטען אויף קליינע שטיקלעך אָדער צעריבען. גיט צו זאַלץ, ראָזשינקעס, צימערינג, צעלאָזענע פעטס, מישט אַלעס גוט אויס צוזאַמען, גיסט אין אַ פּענדעל וואָס איז אָנגעוואַרעמט און באַשמירט מיט פעטס. לעגט אַרויף פון אויבען שטיקלעך פּוטער און באַשפּרענקעלט מיט צוקער און צימרינג. באַקט אין אַ טעמפּעראַטור פון 350 גראַד פאַר 45 מינוט און סערווירט מיט אַ פרוכט-סאָוס. די פאָלגענדע ארענדזש-סאָוס איז גוט דערפאַר: 2 ווייסלאַך פון אייער, אַ האַלבע קאָפּע צוקער, אַ האַלבע קאָפּע אַרענדזש-זאַפט, 1 לעפעל צעריבענע אָרענדזש-שאָלעכץ, קענדיעד אָרענדזש שאָלעכץ. שלאָגט אויף די ווייסלאַך פון אייער ביז עס ווערט האַרט און טרוקען, גיט צו צוקער און אָרענדזש-זאַפט ביסלעכוויים, אויפשלאָגענדיג עס שטענדיג. איידער איהר סערווירט, מישט אַריין צעריבענע אָרענדזש-שאָלעכץ און געברויכט געצוקערטע אָרענדזש-שאָלעכץ צו באַצירען.

## פּיינעפּעל דעינטי

- 5 אייער
- 1 קאָפּע צוקער
- ¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- ½ קאָפּע צעהאַקטע ניס
- 1½ קאָפּעס צעמאָלענע פּיינעפּעל

שלאָגט אויף צוזאַמען די געלעכלאך פון די אייער און צוקער ביז עס ווערט זעהר לייכט, גיט צו מעהל, ניס און פּיינעפּעל. לעגט אַריין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסלאך פון אייער און לעגט אַריין אין אַ פּודינג-דיש באַשמירט מיט פעטס. באַקט אַרום אַ האַלבע שטונדע אין אַ מעסיגען אויווען. סערווירט קאַלט.

## זויער-קרים פּודינג

3 מאַנישעוויטץ'ס מצות
2 אייער
1 קאָפּע זויערע סמעטענע (קריעם)
1 לעפּעל פּוטער
½ לעפּעל זאַלץ
½ קאָפּע צוקער
⅛ לעפּעלע פּעפּער
¼ קאָפּע ראָזשינקעס

צעברעכט די מצות אויף קליינע שטיקלאַך, באַגיסט זיי מיט הייסע וואַסער און דריקט אויס די וואַסער, באַגיסט עס מיט קאַלטע וואַסער און דריקט אויס. דאַן גיט צו אייער, זויערע סמעטענע, צוקער, זאַלץ, פּעפּער און ראָזשינקעס. לעגט עס אַריין אין אַ בעקעלע גוט באַשמירט מיט פעטס און באַקט פון 45 ביז 60 מינוט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויוועו (325 ביז 350 גראַד) ביז עס ווערט ברוין.

## טשאָקאָלאַט קאַסטאַרד פּודינג

2 מאַנישעוויטץ'ס מצות
1 קאָפּע צוקער
3 קאָפּעס מילך
3 אייער
4 סקווערס (אונצעס) טשאָקאָלאַט
1 טעה-לעפּעלע וואַנילא
⅛ טעה-לעפּעלע זאַלץ
⅛ טעה-לעפּעלע צעריבענע מוסקאַט-נוס

צעלאָזט די טשאָקאָלאַט אין אַ דאָבעל באָילער, צוגעבענדיג איין קאָפּע מילך. דאַן גיט צו צוקער, די איבערגעבליבענע קאַלטע מילך, די אייער, אויפגעשלאָגען, זאַלץ, וואַנילא און מוסקאַט-נוס. צעברעכט די מצות אויף קליינע שטיקלעך, לעגט אַריין אין אַ פאַן באַשמירט מיט פעטס, גיסט אַרויף די טשאָקאָלאַט קאַסטאַרד, און באַקט אַרום 45 מינוט אין אַ מעסיגען אויוועו — 350 גראַד.

## טשאָקאָלאַט פּודינג

½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
1 אונץ ביטערע טשאָקאָלאַט
2 קאָפּעס געקאָכטע מילך
⅓ קאָפּע צוקער
1 איי
⅛ טעה-לעפּעלע זאַלץ
½ טעה-לעפּעלע וואַנילא

ווייקט די מעהל אין 1 און דריי-פּיערטעל קאָפּעס געקאָכטע מילך פאַר אַ האַלבע שטונדע. צעלאָזט די טשאָקאָלאַט איבער הייסע וואַסער, גיט צו צוקער און די איבערגעבליבענע מילך, גיט צו די טשאָקאָלאַט-פּייסט צו דעם מעהל, מיט זאַלץ, וואַנילא און אַ לייכט אויפגעשלאָגען איי. באַקט אין אַ כלי גוט באַשמירט מיט פּוטער ביז עס ווערט פאַרטיג. סערווירט קאַלט מיט קריעם, אָדער, אויב איהר ווילט, הייס מיט וואַנילא-סאָוס.

## פאַרפעל פאַר זופּ

טוט אַריין גענוג מצה-פאַרפעל צו וועלכער ס'איז זופּ 10 מינוט פאַר'ן דערלאַנגען דעם זופּ צום טיש, אָדער ביז די פאַרפעל זיינען ווייך גענוג. אויב איהר ווילט מאַכען אַ זופּ אויף שנעל, קאָכט די פאַרפעל אין מילך ביז זיי ווערען ווייך.

# פיין מצה בעקערם

## פארפעל טאוסטים

- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה־פאַרפאַל
- 2 געלעכלאך פון אייער
- 2 עס־לעפעל טשיקען אָדער געגזענע שמאַלץ
- ½ טעה־לעפעלע זאַלץ

מישט גוט אויס צוזאמען אלע שטאָפען. שפּרייט עס אויס אין אַ בעקעלע און באקט אין אַ מעסיג געהייצטען אויוועז ביז עס ווערט גאָלדען-ברוין. סערווירט הייס אין דער זופּ.

## מאנדלען־פודינג

- 3 לעפעל מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
- 3 קאָפּעס (1 פונט) אָפּגעשיילטע און צעריבענע מאַנדלען
- 1½ קאָפּעס צוקער
- 1 לעפעלע צימרינג
- 1 לימענע (בלויז די צעריבענע שאָלעכץ)
- 8 אייער

שלאָגט אויף די אייער פאר 20 מינוט ביז זיי זיינען זעהר לייכט, דאַן גיט צו די צוקער ביסלעכוויים, גיט צו די מאַנדלען, מעהל, צימרינג און די לימענע און מישט אויס צוזאַמען. באַקט אין א גוט אָנגעשמירטען, פלאַכען בעקעלע און סערווירט קאַלטערהייט מיט אויפגעשלאָגענע קרים, „פלאוט“, אָדער אירגענד וועלכע אַנדערע סאָוס וואָס אייך געפעלט. באַקט אַרום אַ שטונדע אין אַ טעמפּעראַטור פון 300 ביז 325 גראַד.

## קעז־ (טשיעז) פּאַי

- 2 מאַנישעוויטץ׳ס מצות
- ¼ קאָפּע פּוטער
- ¼ קאָפּע צוקער
- 1 לימענע (בלויז די צעריבענע שאָלעכץ)
- 1 טעה־לעפעלע בייקינג־פּוידער

ווייקט די מצות, דריקט גוט אויס, גיט צו פּוטער און צוקער, וועלכע זיינען צוזאמען אויפגעשלאָגען מיט לימענע-שאָלעכץ און בייקינג פּאודער. מישט אלעס גוט צוזאַמען און לעגט אַלעס אריין אין א „ספּרינג פּאָרם“, אלס „קראָסט“ פאר אָט דעם פּילינג : 1 פונט קאטעדזש קעז, 1 קאָפּע צוקער, א האלבען פּיינט קריעם, 2 עס-לעפעל מאנישעוויטץ׳ס מצה-מעהל, 4 אייער, צעריבענע שאָלעכץ פון 1 לימענע, זאַפט פון 2 לימענעס, אָדער פון 1 לימענע און אַן אַרענדזש, 1 טעה-לעפעלע בייקינג-פּאודער. שלאָגט אויף צוזאַמען די געלעכלאך פון די אייער און צוקער, גיט צו לימענע שאָלעכץ און זאַפט. גיט צו קעז, קריעם און מעהל און בייקינג פּאודער, צוזאַמענגעמישט. מישט צו די האַרט אויפגעשלאָגענע ווייסלאך פון אייער. גיסט די פּילינג אין אַ ספּרינג-פּאָרם און באקט אין א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד (אַרום 70 מינוט) ביז גוט געזעצט. שטעלט א פּאַן אונטער דער „ספּרינג-פּאָרם“ אויפצוכאפּען די טראָפּענס וועלכע קענען דורכפאלען ביז די פּילינג הויבט זיך אָן צו זעצען.

## די ב. מאַנישעוויטץ קאָמפּאַני

### מצה-מעהל פּאַי-קראַסט (טייג פאר פּאַי)

- 1½ מאַנישעוויטץ'ס מצות
- ⅛ טעה-לעפּעלע זאַלץ
- 2 עס-לעפּעל צוקער
- 2 אייער
- 1 עס-לעפּעל פעטס
- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל

ווייקט איין אנדערהאַלבען מצות און קוועטשט זיי גוט אויס. דערהיצט 1 עס-לעפּעל פעטס און לעגט אריין די אויסגעקוועטשטע מצות. איצט טוט אריין א האלבע קאָפּ מצה-מעהל, 2 אייער, 2 עס-לעפּעל צוקער און אַן אַכטעל טעה-לעפּעלע זאַלץ. מישט דאָס אויס גוט און לעגט אריין דאָס טייג אין א פּאַי בעקענדעל, מאַכט אויס מיט די הענט די פּאַי-דעקלאַך (קראַפּס), ווייל עס איז אונמעגליך דאָס צו קאַטשען. מאַכט דאָס טייג אַ פיערטעל אינטש דיק.

### מעערען טאָרט

- 5 אייער
- 1 קאָפּע צוקער
- 1 קאָפּע מעערען, צערי-בענע
- ½ פונט מאַנדלען, אָפּ-געשיילט און צעהאַקט
- 1 טעה-לעפּעלע צימרינג
- ⅜ קאָפּעס מאַנישע-וויטץ'ס מצה-מעהל
- ⅛ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- ½ טעה-לעפּעלע בייקינג-פּוידער

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון אייער און צוקער ביז עס ווערט געדיכט און קריגט א לימענע-קאָליר. גיט צו מעערען, מאַנדלען, און טרוקענע שטאָפּען וועלכע איהר האָט איבערגעזופּט צו-זאַמען. מישט אריין הארט-אויפגעשלאָגענע ווייסלאַך לאַנגזאַם און לעגט אריין אין א „ספּרינג פאָרם" אָדער „טיוב פּען" מיט א דנאָ וואָס קומט ארויס. באַקט אין אַ וואַרימען אויוון (300 גראַד) אַ שטונדע און א פערטעל.

### עפּעל-ספּאַנדזש-פּודינג

- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס קעיק-מעהל
- 8 עפּעל
- 2 קאָפּעס צוקער
- 1 לעפּעלע צימרינג
- ¼ קאָפּע ראָזשינקעס
- ¼ קאָפּע צעריבענע מאַנדלען
- 2 לעפּעל ווייסען וויין, אָדער אירגענד וועל-כען אַנדערען געטראַנק
- 8 אייער
- 1 לימענע (בלויז די צעריבענע שאָלעכץ)
- ¼ לעפּעלע זאַלץ

שיילט אָפּ די עפּעל און שניידט ארונטער פאַרזיכ-טיג דעם אויבערשטען טייל, כדי איהר זאָלט זיי דערנאָך קענען געברויכען אַלס צודעקלאַך. שניידט ארויס דעם אינעווייניגסטען טייל מיט אַ מעסער, זייט אָבער פאַרזיכטיג נים דורכצו-לעכערען דעם עפּעל, מישט אויס דעם אויפגע-שניטענעם טייל מיט די מאַנדלען, ראָזשינקעס, צימרינג, ווייסען וויין און צוויי לעפּעל צוקער. פילט אויס דעם אויסגעלעדיגטען עפּעל מיט דעם מיקסטשור, און דעקט זיי צו מיט דעם אוי-בערשטען טייל פון די עפּעל וואָס איהר האָט פריהער אָפּגעשניטען. שמירט אָן מיט פעטס אַ פּודינג-דיש, לעגט אריין די עפּעל און אַ פּאָר לעפּעל וואסער, קאָכט עס פאר א פּאָר מינוט,

אָבער ניט אַזוי לאַנג, אַז זיי זאָלן זיך צעברעכען. מאַכט אַ ספּאָנדזש-קעיק „בעטער", אויפשלאָגענדיק צוזאַמען די געלעכלאַך פון די אייער, די איבערגעבליבענע צוקער, די זאַלץ און לימענע-שאָלעכץ. גיט צו איבערגעזיפּטע קעיק-מעהל, און וויקעלט אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע. גיסט אַרויף דעם „בעטער" אויף די עפּעל און באַקט אין אַ מעסיגען אויוון (350 גראַד) פאַר 45 מינוט. סערווירט עס מיט ווייַן-סאָוס, לעמאָן-סאָוס אָדער אירגענד וועלכע אַנדערע פרוכט סאָוס.

4 מאַנישעוויטץ'ס מצות
9 אייער
1 קאָפּע צוקער
2 טעה-לעפעלאַך צימרינג
½ קאָפּע מאַנדלען, צעהאַקט
צעריבענע שאָלעכץ פון 1 לימענע אָדער אָרענדזש
1½ קאָפּעס ראָזשינקעס מיט די קערנדלאַך
2 צעריבענע עפּעל
½ פונט פּוטער אָדער אַנדערע פעטס

## פרוכט פּודינג

ווייקט די מצות אין וואַסער אין דער צייט ווען איהר שלאָגט אויף צוזאַמען די אייער, צוקער און צימרינג. גיט צו ניס, צעריבענע שאָלעכץ, ראָזשינקעס און עפּעל. לאָזט די וואַסער אָפּרינען פון די מצות און גיט צו ביסלעכווייס. דאַן שלאָגט אויף אַלץ צוזאַמען זעהר לייכט. צעלאָזט די פּוטער אין אַ באַק-שיסעל און לעגט אַריין דעם פּודינג. באַקט אין אַ לייכט-געהייצטען אויוון (375 גראַד) אַ שטונדע און אַ פיערטעל. סערווירט הייס מיט פרוכט אָדער פלוימען-זאַפט (סאָוס).

3 אייער
½ קאָפּע וואַסער
1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
1 טעה-לעפעלע זאַלץ
⅛ טעה-לעפעלע פעפער
3 עס-לעפעל פּוטער
1 ציבעלע
¼ פונט מאַשרומס
3 קאָפּעס טאָמייטאָס
½ קאָפּע צעריבענע קעז

## מצה-מעהל-פּאָלענטא

שלאָגט אויף די געלעכלאַך פון די אייער, גיט צו וואַסער, סיזאָנינג, און אַ העלפט פון דער מצה-מעהל. מישט אַריין די האַרט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, און די איבערגעבליבענע מצה-מעהל. פּרעגעלט ביז עס ווערט ברוין און ווען עס קיהלט אָפּ, שניידט אויף שטיקלאַך און לעגט אַריין אין אַ בעקעלע. אויב איהר ווילט פּרעגעלט עס לעפעלווייס. צעהאַקט די ציבעלע, צעשניידט גוט די מאַשרומס און פּרעגעלט אין די פּוטער. גיט צו טאָמייטאָס און קעז, גיסט איבער שטיקלאַך פון אָמלעט און באַקט אין אַ מעסיגען אויוון פאַר 45 מינוט.

## טייטלען פודינג

- ¾ קאָפּעס צוקער
- ⅓ קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 3 געלעכלאַך פון אייער (גוט אויפגעשלאָגען)
- 3 ווייסליכע פון אייער (געדיכט אויפגעשלאָגען)
- ½ קאָפּע צעהאַקטע ניס
- ¼ פונט טייטלען (צושניטען אין שטיקלאַך)
- ½ לעפעלע בייקינג-פּוידער

מישט אויס די אַלע שטאָפען אין אַ שיסעל אין דער אָנגעגעבענער אָרדנונג. גיט עס אַריין אין אַ בעקעלע אָנגעשמירט מיט פעטס, לעגט אַריין דאָס בעקעלע אין אַ צווייטען וואָס איז אָנגעפילט מיט הייסע וואַסער און באַקט 45 מינוט אין א טעמפּעראַטור פון 300 ביז 350 גראַד. צעשניידט אין פיער-עקעדיגע שטיקלאַך און סערווירט קאַלטערהייט מיט אויפגעשלאָגענע קריעם אָדער אַן אַנדער סאָוס.

## מצה-שאַרלאָט

- 1 מאַנישעוויטץ'ס מצה
- 2 אייער
- ¼ קאָפּע צעריבענע מאַנדלען
- ¼ קאָפּע ראָזשינקעס
- ¼ קאָפּע וויינפּערליך
- ¼ לעפעלע זאַלץ

ווייקט די מצות אין וואַסער, טרוקענט זיי אויס און גיט צו די אויפגעשלאָגענע געלעכלאַך פון די אייער, גיט צו זאַלץ, פרוכט און מישט גוט אויס, וויקעלט אין די געדיכט-אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון די אייער, און באַקט אין א פּענדעל אויסגעשמירט מיט פעטס פאַר 25 מינוט. באַקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויוועז (350 גראַד). פון דעם רעסיפּי וועט איהר האָבען אַ פודינג פאַר 5 אָדער 6 פערזאָן.

## עג-פּלענט (זיסע און זויערע)

- מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
- 1 עג-פּלענט
- 2 אייער
- 1¾ קאָפּעס וואַסער
- 2 ציבעלעס
- 1 קען טאָמייטאָ פּייסט
- 1 לעפעל צוקער
- ½ טעה-לעפעלע זאַלץ
- ¼ טעה-לעפעלע פעפער

שיילט אָפּ די עגפּלענט און צעשניידט א האלבען אינטש דיק און ווייקט אין זאַלץ-וואַסער אַ האַלבע שטונדע. שלאָגט אויף לייכט די אייער, צוגעבענדיג אַ פיערטעל קאָפּע וואַסער. טונקט די עגפּלענט אין מצה-מעהל, אין אויפגעשלאָגענעם איי און דאַן נאָכאמאָל אין מצה-מעהל און פּרעגעלט ביז עס ווערט ברוין. צעהאַקט ציבעלעס און פּרעגעלט ביז זיי ווערען גאָלדברוין, דאַן לעגט זיי אין אַ גרויסען פּענדעל און גיט צו טאָמייטאָ-פּייסט, צוקער, זאַלץ, פעפער און אַנדערטהאלבען קאָפּעס וואַסער. ווען אלעס איז אויפגעוואַרימט צוזאמען, גיט צו די געפּרעגעלטע עגפּלענט און קאָכט ווייטער פאַר אַ האַלבע שטונדע, באַטריפט די עגפּלענט מיט סאָוס א פּאָר מאָל.

# פיין מצה בעקערס

## מאקאראני-לאבען (לאוף)

1 קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
1 קאַפּע געקאָכטע מאקאראנים
1 קאַפּע הייסע מילך
1 טעה-לעפעלע זאַלץ
½ טעה-לעפעלע לימענע-זאַפט
1 קאַפּע צעריבענע קעז
¼ קאַפּע צעהאַקטע גרינע פעפער און פּימענטא
3 גוט אויפגעשלאָגענע אייער

מישט גוט אויס אַלע שטאָפען און לעגט אריין אין א בעקעלע אָנגעשמירט מיט פעטס. לעגט דאָס בעקעלע אריין אין אן אנדער בעקעלע אָנגעפילט מיט הייסע וואסער און באקט עס אין א מעסיגען אויווען, פאר 45 מינוט, ביז עס ווערט ברוין. סערווירט עס מיט א טאָמייטאָ אָדער מאַשרום-סאָוס.

## מצה-פילעכץ (סטאָפינג)

4 מאַנישעוויטץ'ס מצות
¼ קאַפּע וואַסער
2 אייער
1 לעפעלע זאַלץ
¼ לעפעלע פעפער
¼ לעפעלע אינגבער
1 לעפעל צעריבענע פּעטרישקע
2 לעפעל צעהאַקטע ציבעלעס

צעברעכט די מצה און מאַכט זי פייכט, גיט צו די אויפגעשלאָגענע אייער און געווירצען. דאָס קען געברויכט ווערען אַלס פילעכץ (סטאָפינג) פאַר אירגענד וועלכער פלייש. ראָלט עס צוזאַמען, מאַכט צו די אָנגעפילטע פלייש מיט טוט-פּיקס, דאַן גיט צו וואסער און באקט אין א הייסען אויווען.

## סטאָפד (געפילטע) טאָמייטאָ

1 גרויסע טאָמייטאָ
1 איי
½ עס-לעפעל טשיקען-פעטס אָדער פּוטער
1 עס-לעפעל מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
¼ טעה-לעפעל זאַלץ
אַ זעכצעהנטעל טעה-לעפעלע פעפער

וואַשט אָפּ די טאָמייטאָ, שניידט ארויס דעם וואָרצעל, דאַן שניידט אראָפּ א דין שטיקעל פון וואָרצעל און ליידיגט אויס די פּאַלפּ (ווייכען טייל). באַשפּריצט מיט זאַלץ דעם אינעווייניגסטען טייל פון דער טאָמייטאָ. צערייבט אַ העלפט פון דעם טאָמייטאָ-פּאַלפּ מיט די אַנדערע שטאָפען, און פילט אָן די טאָמייטאָ מיט די צונויפגעמישטע זאַכען. באַדעקט מיט דעם אויבערשטען-אויסגעשניטענעם טייל פון דער טאָמייטאָ. לעגט אריין אין פאַן אויסגעשמירט מיט פעטס, און באַקט 20-30 מינוט אין א לייכט-אָנגעהייצטען אויווען. באצירט מיט א שטענגעלע פּעטרישקע וואו דער וואָרצעל איז געווען. אויב איהר ווילט, גיט צו א האַלב טעה-לעפעלע צוקער צו דעם פּאַלפּ-מיקסטשור און באַשפּרענקעלט דעם אינעווייניגסטען טייל פון דער טאָמייטאָ מיט זאַלץ און צוקער.

## ביעט באָלס (קניידלאך פון בוראקעס)

- 2/3 קאָפּעס געקאָכטע און צעריבענע בוראקעס
- 1 ציבעלע
- 2 עס־לעפּעל פעטס
- 2 אייער
- 1/2 טעה־לעפּעלע זאַלץ
- 1/8 טעה־לעפּעלע פּעפּער
- 1/2 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל

צעהאַקט די ציבעלע און ברוינט עס אין די פעטס, דאַן מישט אויס אַלע שטאָפען זעהר גוט און מאַכט באָלס. מאַכט אַ זיסע און זויערע טאָמעיטאָ-סאָוס (זעהט דעם רעסעפּי פאַר זיסע און זויערע פלייש-באָלס) און קאָכט די ביעט-באָלס אין דעם פאַר אַ שטונדע איבער אַ קליינעם פייער.

## מעערען קאָטלעטס

- 1/2 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 1 קאָפּע געקאָכטע אָדער צעריבענע מעערען
- 2 אייער
- 1 טעה־לעפּעלע זאַלץ
- 1/8 טעה־לעפּעלע פּעפּער
- 2 עס־לעפּעל פּעטרישקע
- 2 ציבעלעס

שלאָגט אויף די אייער גוט, גיט צו די מעערען, זאַלץ, פעפּער, צעשניטענע פּעטרישקע און מעהל. מישט גוט אויס און מאַכט קאָטלעטען. פּרעגעלט די ציבעלעס אין וועלכע פעטס איהר ווילט ביז זיי ווערען גאָלד-ברוין, דאַן בראָט די מעערען קאָטלעטס אין די זעלבע פעטס.

## קאַליפלאַוער (איטאַליענישע סטייל)

- מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 1 קעפּעל קאַליפלאַוער
- 2 אייער
- 1 3/4 קאָפּעס וואַסער
- 2 גרויסע ציבעלעס
- 1 קען טאָמייטאָ־פּייסט
- 1 עס־לעפּעל צוקער
- 1 עס־לעפּעל זאַלץ
- 1/8 טעה־לעפּעלע פּעפּער

ווייקט די קאַליפלאַוער מיט'ן קעפּעל אַרונטער, אין זאַלץ-וואַסער פאַר 20 מינוט, דאַן צעטיילט דעם קאַליפלאַוער אויף שטיקלאַך. באַגיסט מיט קאָכיגע וואַסער, פאַרדעקט עס און לאָזט שטעהן אַ האַלבע שטונדע. שלאָגט אויף די אייער לאַנגזאַם מיט אַ גאָפּעל, צוגעבענדיג אַ פיערטעל קאָפּע וואַסער. נעמט די קאַליפלאַוער אַרויס פון פענדעל און טונקט איין אין מצה-מעהל, דאַן טונקט איין אין אויפגעשלאָגענע איי און נאָכאַמאָל אין מצה-מעהל און פּרעגעלט ביז עס ווערט ברוין אין פיעל פעטס, אין אַ טעמפּעראַטור פון 350 גראַד. צעהאַקט די ציבעלעס ביז זיי ווערען ברוין, דאַן לעגט זיי אין אַ גרויסער פענדעל צוגעבענדיג טאָמייטאָ-פּייסט, צוקער, זאַלץ, פעפּער און וואַסער. קאָכט אַלעס צוזאַמען אַ פּאָר מינוט, דאַן גיט צו אַ קאַליפלאַוער און קאָכט נאָך אַ האַלבע שטונדע, מישענדיג כסדר.

# סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקאַ

## סטאָפּד גרין פּעפּערס

- 1 גרויסער פּעפּער
- 1 איי
- ½ לעפעל פעטס
- 1 לעפעל מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- 2 לעפעל צעהאַקטע סעלערי
- ½ לעפעלע ציבעלע־זאַפט
- ¼ לעפעלע זאַלץ
- אַ זעכצעטנטעל לעפעלע פעפער

שניידט אַרונטער דעם אויבערשטען טייל פון פּעפּער, נעמט אַוועק די קערענדלאַך און קאָכט אין וואַסער דעם פּעפּער און דעם אויבערשטען טייל פאַר 15 מינוט. מישט צוזאַמען די אויבענדערמאָנטע שטאָפען און פילט אָן מיט זיי דעם פּעפּער, דעקט עס צו מיט דעם אויבערשטען טייל, באַקט אַרום 20 מינוט אין אַ מעסיגען אויווען.

## טאָמייטאָ מצות (סקאַלאָפּט)

- 3 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 4 שטיקלאַך בערמיודאַ ציבעלע פון מיטלער גרויס
- 4 קאָפּעס קענד טאָמייטאָס
- 1 טעה־לעפעלע זאַלץ
- ¼ טעה־לעפעלע פעפער
- 2 עס־לעפעל צוקער
- 3 עס־לעפעל פּוטער

באַשמירט אַ בעקעלע מיט פעטס, לעגט אַריין די שטיקלעך ציבעלע. באַשפּרענקעלט די טאָמייטאָס מיט זאַלץ, פּעפּער און צוקער. באַדעקט די ציבעלע מיט אַ לעיער טאָמייטאָ, דאַן אַ מצה, דאַן ווידער אַ לעיער טאָמייטאָ, און ווידער אַ מצה. באַשמירט די אויבערשטע מצה מיט פּוטער. פאַרדעקט און באַקט אין אַ הייסען אויווען (375 גראַד) אַ האַלבע שטונדע.

## קאַרטאָפּעל־פּריטערס

- 5 מאַנישעוויטץ'ס מצות
- 1½ געקאָכטע און צעריבענע קאַרטאָפּעל
- 6 אייער
- 1½ לעפעלאַך זאַלץ
- ⅛ לעפעלע פעפער

ווייקט די מצות אין וואַסער פאַר 2 מינוט, לעגט זיי אַוועק דערנאָך אויף אַ פלאַכען טעלער פאַר 20 מינוט. גיט צו די אייער און געווירצען צו די געקאָכטע אָדער צעריבענע קאַרטאָפּעל און מישט עס גוט אויס. באַשמירט איין זייט פון דער מצה מיט דעם טייג, לעגט עס מיט דער זייט וואו די טייג געפינט זיך אַרונטער אין אַ פּענדעל וואו עס געפינט זיך אַביסעל צעלאָזענע פּוטער אָדער אַנדערע פעטס. ווערענד די מצה באַקט זיך אויף איין זייט, לעגט אַרויף טייג אויף דער אַנדערער זייט, און ווען דער אויבערשטער טייל איז ברוין, קערט עס איבער אויף דער צווייטער זייט און באַקט, ביז עס איז פאַרטיג. איהר קענט צעשניידען די מצות אויף פיערטלאַך, איידער איהר לעגט אַרויף די טייג. סערווירט עס ענטוועדער הייס אָדער קאַלט.

## געבּאַקטע ספּינעטש

- 2 אייער
- 3 קאָפּעס מילך
- 2 קאָפּעס מאַנישע־וויטץ'ס מצה־מעהל
- 2 קאָפּעס געקאָכטע ספּינעטש
- 4 עס־לעפּעל צעלאָזענע פּוטער
- 3 טעה־לעפּעל זאַלץ

מישט אויס די שטאָפּען און לעגט אַריין אין אַ בּראָט-פּאַן באַשמירט מיט פעטס. באַקט אין אַ לייכט-געהייצטען אויוועז (300 גראַד) בּיז עס ווערט שטייף, 45 בּיז 60 מינוט.

## סטרינג-בּיען-לאַטקעס (פּען-קעיקס)

- 3 קאָפּעס געקאָכטע און צעריבּענע סטרינג־בּיענס
- 3 אייער
- 1 קאָפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
- ½ טעה־לעפּעלע זאַלץ
- 2 עס־לעפּעל פעטס

מישט אויס צוזאמען אלע שטאָפּען, מאַכט לאַט-קעס און באַקט אין אַ הייסע פּאַן אָנגעשמירט מיט פעטס, בּיז עס ווערט בּרוין.

## קאליפלאוער לאטקעס

- 2 עס־לעפּעל מאַנישע־וויטץ'ס מצה־מעהל
- 1 אָפּגעקאָכטע קאַלי־פלאוער
- 4 אייער
- 1½ לעפּעלאך זאַלץ

צעריבּט גוט די אָפּגעקאָכטע קאַליפלאוער און מישט דורך מיט די גוט-אויפגעשלאָגענע אייער. גיט צו די מעהל און זאַלץ צוזאַמען. גיסט אַריין פון אַ לעפעל אין הייסע פּוטער און פּרעגעלט בּיז עס ווערט בּרוין. פון דער רעסיפּי וועט איהר קריגען 12 לאַטקעס.

## עג-פּלענט קאָטלעטס

- 1 עג־פּלענט
- 3 אייער
- 1 צעריבּענע ציבּעלע
- ½ לעפּעלע זאַלץ
- ¼ לעפּעלע פעפער
- 1½ קאָפּעס מאַנישע־וויטץ'ס מצה־מעהל
- 2 קאָפּעס געקאָכטע טאָמייטאָס
- 3 לעפּעל צוקער
- ½ לימענע

באַקט דעם עג-פּלענט בּיז עס ווערט ווייך, שיילט עס אָפּ, צערייבּט עס גוט, גיט צו די אייער, ציבּעלע, זאַלץ און פעפער און אויך די מעהל. מישט גוט אויס און מאַכט דערפון קליינע קעיקס. בּרוינט עס אין הייסע פעטס און דאַן לעגט זיי איבּער אין אַ בּעקעלע. ווירצט די טאָ-מייטאָס מיט די לימענע-זאַפט, צוקער, און בּאַ-גיסט דאַמיט דעם עג-פּלענט. באַקט אין אַ מע-סיגען אויוועז אַ האַלבּע שטונדע, דאַן סערווירט עס אנשטאָט פלייש. איהר קענט עס אויך סער-ווירען קאַלטערהייט.

# פיין מצה בעקערס

## געפּרעגעלטע קאַליפלאַוער

1 קאַליפלאַוער
2 גרויסע ציבעלעס
מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל

וואַשט די קאַליפלאַוער מיט דעם קעפּעל אַרונטער אין זאַלץ-וואַסער, טיילט אָפּ און קאָכט אין זאַלץ-וואַסער ביז עס ווערט ווייך. פּרעגעלט די ציבעלעס אין פּוטער. טונקט איין די קאַליפלאַוער אין דער מצה-מעהל און פּרעגעלט צוזאַמען מיט די ציבעלעס ביז עס ווערט ברוין.

## וועדזשעטייבעל קאָטלעטס

2 בוריקעס
2 מערען
1 פּאַרסניפּ
1 זיסע קאַרטאָפעל פון מיטעלען גרויס
1 אירלענדישע קאַרטאָפעל פון מיטעלען גרויס
4 שטיקלאַך סעלערי
1 ציבעלע
3 אייער
1½ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
1½ לעפעלאַך זאַלץ
½ לעפעלע פעפער
1 לימענע
2 קאָפּעס געקאָכטע טאָמייטאָס
4 לעפעל צוקער

שיילט אָפּ די וועדזשעטייבעלס און צעמאָלט דורך אַ פליישׂ-מיהל. גיט צו זאַלץ, פעפער, מצה-מעהל, אויפגעשלאָגענע אייער, מישט עס גוט אויס. מאַכט דערפון קליינע קוגעלאַך, לעגט עס אַריין אין אַ פּענדעל און ברוינט זיי אין הייסע פעטס. ווען עס ווערט ברוין אויףביידע זייטען, לעגט עס אַריין אין אַ בעקעלע, באַגיסט מיט טאָמייטאָס, צו וועלכע איהר האָט צוגעגעבען צוקער און לימענע-זאַפט. באַקט אין אַ מעסיגען אויוועז פאַר אַ האַלבע שטונדע.

## געבאַקטע אוגערקעס (קיוקאָמבערס)

3 אוגערקעס פון מיטעלען גרויס
¾ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל
3 עס־לעפעל פעטס
1 טעה־לעפעלע זאַלץ
1½ עס־לעפעל צעהאַקטע ציבעלעס
1½ טעה־לעפעלאַך צעהאַקטע פעטרישקע
3 טעה־לעפעלאַך צעהאַקטע סעלערי
1 קאָפּע צעשניטענע טאָמייטאָס

וואַשט די אוגערקע און צעשניידט זי אין אַ העלפט, אין דער לענג. נעמט אַרויס אַזוי פיעל פון דעם אינוועניגסטען טייל (פּאַלפּ), ווי מעגליך, זעהט אָבער אַז די שאָלעכץ זאָל ניט צעבראָכען ווערען. ברוינט די ציבעלע אין פעטס און גיט צו די אַנדערע שטאָפען געמישט מיט דעם אינוועניגען טייל פון דער אוגערקע, קאָכט און האַלט אין מישען אַרום צעהן מינוט ביז די אוגערקעס ווערען ווייך און די מיקסטשור טרוקען. לעגט דערנאָך אַריין דיזע פילינג אין דער שאָלעכץ פון די אוגערקעס און באַקט אין אַ מעסיג-געהייצטען אויוועז ביז די שאָלעכץ ווערט ווייך און די מיקסטשור ברוין. נעמט אַרויס פון אויוועז אין אַ האַלבע שטונדע.

## פּאָטייטאָ קאָפּ-קעיקס

2 לעפעל מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
3 גרויסע קארטאָפעל (אָדער ארום 1½ קאָפּעס צעריבענע קאַרטאָפעל)
3 אייער
3 לעפעל צעלאָזענע פּוטער
½ לעפעלע זאַלץ
⅛ לעפעלע פעפער

שיילט אָפּ די קארטאָפעל. קאָכט זיי און צעריבט זיי. לאָזט זיי אָפּקיהלען. מישט צוזאַמען די קארטאָפעל, די מצה-מעהל, די זאַלץ, די צעלאָזענע פּוטער און די אייער. דערוואַרעמט קאָסטארד-קאָפּעס, פילט זיי א העלפט, באַקט פאר 15-20 מינוט אין א מעסיג-אָנגעהייצטען אויוועז (350-375 גראַד). ווען פאַרטיג, קערט עם איבער און סערווירט עם הייס ווי גרינצייג.

## מאַק סאָסעדזש

1 קאָפּע טרוקענע ליימאַ-בעבלאך (אָדער 3 קאָפּעס געקענטע)
⅔ קאָפּעס מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
3 אייער
¾ טעה-לעפעלאך זאַלץ
2 עס-לעפעל פּוטער
½ טעה-לעפעלע „סאגע"
¼ טעה-לעפעלע פעפער

קלייבט אויס די טרוקענע בעבלאך, וואַשט זיי אויס, באַגיסט זיי מיט קאלטע וואַסער און לאָזט ווייקן איבער נאַכט. נעקסטן טאָג לאָזט אָפּטריקענען, גיט צו איין קוואָרט קאלטע וואַסער און 1 טעה-לעפעלע זאַלץ און קאָכט ביז זיי ווערען ווייך. צערייבט די בעבלאך דורך א דורכשלאג, גיט צו די אַנדערע שטאָפען און מאַכט דעם מיקסטשור אין א פאָרם פון סאָסעדזשעס. קייקעלט זיי אין מעהל, דאַן אייער, דאַן נאָכאמאָל אין מעהל און קאָכט ביז עס ווערט ברוין פון אלע זייטען. סערווירט מיט גרייווי אָדער טאָמייטאָסאָוס. פון דעם רעסיפּי האָט איהר ארום 24 סאָסעדזשעס.

## געפרעגעלטע טאָמייטאָס

טאָמייטאָס (א טאָמייטאָ פון געוועהנליכע מאָס פאר יעדער פּערזאָן)
מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל
זאַלץ
פעפער
צוקער
פּוטער

שיילט אָפּ די טאָמייטאָס און צעשניידט אויף דיקע שטיקלאך (ארום א האלבען אינטש), באַשפּרענקעלט יעדען שטיקעל מיט זאַלץ, פעפער און צוקער, און טונקט איין אין מצה-מעהל, צעלאָזט א ביסעל פּוטער אין א פענדעל, און בראָט די טאָמייטאָס ביז זיי ווערען ברוין. סערווירט פאר ברעקפעסט מיט סקרעמבעלד-אייער אָדער ביי אנדערע מאָהלצייטען. טאָמייטאָס וואָס ווערען געמאַכט אויף דיזען אופן, קענען אויך געבראָטען ווערען לויט דעם סטייל פון „פרענטש פראַיד".

# סינסינעטי, אָהייאָ, אַמעריקאַ

## ספינאַטש פּענקעיקס

- ½ קאָפּע מאַנישעוויטץ׳ס מצה־מעהל
- 1 קאָפּע געקאָכטע אָדער געקענטע ספּינאַטש
- 2 אייער
- 1½ טעה־לעפעלאך זאַלץ
- ⅛ טעה־לעפעלע פּעפער
- ¼ קאָפּע וואַסער אָדער ספּינאַטש־זאַפט
- 2 ציבעלעס

צעשניידט די ספּינאַטש גוט, דאַן גיט צו אַלע אַנדערע שטאָפען אַ חוץ די ציבעלעס. צעשניידט די ציבעלעס און פּרעגעלט אין וועלכע פעטס איהר ווילט, דאַן לעגט די ספּינאַטש פּענקעיקס אין די זעלבע פעטס ווי די ציבעלעס און בראָט זיי ביז זיי ווערען ברוין.

## געבאַקטע געפילטע פיש

- 1 פיש פון אַרום 2½ פונט
- 6 מאַנישעוויטץ׳ס מצות
- 4 עס־לעפעל פּעטרישקע
- 2 עס־לעפעל צעריבענע ציבעלעס
- 1 ציבעלע צעהאַקט אויף קליינע שטיקלאך
- 1 טעה־לעפעלע „טהיים" (ווייהרויך)
- ¼ טעה־לעפעלע רויטען פּעפער
- ¼ טעה־לעפעלע שוואַרצען פּעפער
- 2½ טעה־לעפעלאך זאַלץ
- 5 עס־לעפעל פּוטער
- 2 קאָפּעס וואַסער
- 2 קאָפּעס טאָמייטאָ־זאַפט
- ½ עס־לעפעל וואוסטערשיר סאָוס
- 2 עס־לעפעל גרינעם פּעפער
- 1 עס־לעפעל קאַרטאָפעל־מעהל
- 1 שטיקעל קנאָבעל (אויב איהר ווילט)

נעמט אַרונטער די ליסקעס און רייניגט די פיש און באַשפּרענקעלט מיט זאַלץ פון אינוועניג און פון דרויסען. ווייקט די מצות אין וואַסער ביז זיי זיינען ווייך, דאַן דריקט אויס אַזוי טרוקען ווי מעגליך; גיט צו 2 עס־לעפעל פּעטרישקע, צעריבענע ציבעלעס, טהיים, אַ העלפט פון די שוואַרצע און רויטע פּעפער, און 1 און אַ האַלב טעה־לעפעלעך זאַלץ. פילט אָן די פיש מיט דעם און פאַרשפּילעט מיט טוטפּיקס 1 און אַ האַלב אינטשעס איינס פון די אַנדערע, און וויקעלט אַ שטריקעל אַרום די טוטפּיקס. באַשפּרענקעלט די פיש מיט מצה־מעהל, זאַלץ, פּעפער, און לעגט אַרויף 5 עס־לעפעל פּוטער. לעגט אַרויף אויף אַ „פיש־רעק" באַשמירט מיט פעטס, אָדער אויף אַ שטיקעל לייווענד וואָס איז אויפ׳ן דנאָ פון אַ באַק־פּענדעל, כדי איהר זאָלט קענען לייכט אַרויסנעמען די פיש. שטעלט אַוועק אין אויווען אויפגעדעקטערהייט (דער אויווען דאַרף זיין אָנגעוואָרימט צו אַ טעמפּעראַטור פון 450 גראַד) פאַר 30 מינוט. ווערענד עס סמאָליעט, מישט צוזאַמען קאַרטאָפעל מעהל, וואַסער, טאָמייטאָ־זאַפט, וואוסטערשייר סאָוס, צעהאַקטע גרינע פּעפער און ציבעלע, קנאָבעל און 2 עס־לעפעל פּעטרישקע, 1 טעה־לעפעלע זאַלץ און די איבערגעבליבענע רויטע און שוואַרצע פּעפער. באַגיסט די פיש מיט דיזער סאָוס נאָך דעם ווי עס האָט געסמאָליעט 30 מינוט, פאַרקלענערט די טעמפּעראַטור ביז 300 גראַד און באַקט ווייטער, 15 מינוט פאַר יעדען פונט, ביז עס ווערט פאַרטיג, באַשטרייענדיג אָפט מיט די סאָוס. נעמט אַרויס דעם גאַנצען פיש און סערווירט די סאָוס פון אַ „גרייווי באָול".

# מאנישעוויטץ׳ס מצה־פראָדוקטען

אָט די וועלט־באַרימטע שפּייזען האָבען צו זיך קיין גלייכען אין געשמאַק און הויכער קוואַליטעט. זייער אויסגעצייכענטער טעם קען ניט נאָכגעמאַכט ווערען.

די מעהל וואָס ווערט געברויכט איז ספּעציעל געמאָלען פון אויס־געקליבענע ווייץ. כמעט יעדער שריט פון באַקען, פאַבריצירען און פּאַקען ווערט געטאָן דורך וואונדערליכע אויטאָמאַטישע מאַשינערי. ווען מען מאַכט מצה־מעהל, צום ביישפּיעל, ווערט אָנגעווענדעט די וואונדערליכסטע און נייעסטע מעטאָדע פון מאָלען, אין דער גאַנצער וועלט. עס איז גאַנץ זאָנדערבאַר און גיט אַרוים אַ גלייכע, אוני־פאָרמע מעהל. עס זיינען נויטיג געווען יאָהרען פון עקספּערי־מענטירען איידער עס איז דערגרייכט געוואָרען די מעטאָדע וואָס מאַכט מעגליך די גאָר נייע פאַרבעסערונגען אין מצה־מעהל. איצט איז עס אונמעגליך צו געפינען אַן אונטערשיעד אין דער פיינקייט פון אָט די הויכע קוואַליטי מעהל. דאָס מיינט בעסערע געבעקס — די בעסטע קניידלאַך — דיזעלבע גוטע רעזולטאַטען יעדעס מאָהל, פון אייערע באַליעבטסטע רעציפּים.

מיליאָנען מענשען איבער דער גאַנצער וועלט געברויכען מאַנישע־וויטץ׳ס מצה־פּראָדוקטען, ווייל זיי זיינען אַנערקענט אלס די בעסטע. די שפּייזען זיינען דאָך אַזוי אַפּעטיטליך. געבאַקען לויט גאַנץ אייגענאַרטיגע מעטאָדען און געפּאַקט אַזוי, אַז זיי זאָלען אָנהאַלטען זייער אָריגינעלע אויווען־פרישקייט און באַ׳טעם׳טקייט. אום צו באַקומען די בעסטע רעזולטאַטען ווען איהר גרייט צו די פיעלע באַ׳טעמ׳טע מאכלים וואָס ווערען אָנגעגעבען אין דעם בוך, פאָלגט נאָך די דירעקשאָנס מיט פּאַרזיכטיגקייט און געברויכט נאָר מאַנישעוויטץ׳ס מצה־פּראָדוקטען.

## מצה נאַפּאָלעאָנס

**6 עפּעל, 6 מאַנישעוויטץ׳ס מצות, 6 עס-לעפּעל צוקער,**
**1½ לעפּעל צימרינג, 1 לעפּעלע זאַלץ.**

שיילט אָפּ און צעשניידט די עפּעל, טינקט איין די מצה אין וואַסער. שפּרייט אויס די מצה אויף דעם דנאָ פון א בעקעלע באַשמירט מיט פעטס, באַדעקט עס מיט א לעיער פון עפּעל, באַשפּרענקעלט מיט א טייל פון דעם צוקער, צימרינג און זאַלץ איבער די עפּעל, מאַכט נאָך אַזעלכע לעיערס ביז אַלע שטאָפּען ווערען אויסגענוצט, דער אויבערשטער לעיער זאָל זיין פון די עפּעל. שטעלט אריין דאָס בעקעלע אין א שיסעל מיט וואַסער און באַקט אין א מעסיגען אויוועו ביז די עפּעל ווערען פאַרטיג. דאַן לעגט ארויף אויבען די ווייסלאַך פון 2 אייער וואָס זיינען האַרט אויפגעשלאָגען געוואָרען, מיט 2 עס-לעפּעל צוקער, שטעלט צוריק אין אויוועו ביז עס ווערט ברוין און סערווירט מיט קאַסטארד-סאָוס.



## מאַפינס

2 גרויסע אָדער 3 קליינע אייער, 2 לעפעל קאַלטע וואַסער,
¼ לעפעלע זאַלץ, 6 לעפעל מאַנישעוויטץ'ס מצה־מעהל.

גיט צו זאַלץ צו די ווייסליכע פון די אייער און שלאָגט אויף ביז עס ווערט געדיכט. גיט צו וואַסער צו די געלעכלאַך, שלאָגט אויף ביז עס ווערט לייכט. דאַן וויקעלט איין אין די געדיכט־אויפגעשלאָגענע ווייסלאַך. וויקעלט אריין די מעהל, און באַקט אין א מאַפין בעקעלע אָנגעשמירט מיט פעטס אין א טעמפּעראַ־טור פון 350 גראַד. פון דעם רעסיפּי וועט איהר האָבען 6—8 מאַפינס.



## וואפעלס

1 קאָפּע מאנישעוויטץ׳ס קעיק־מעהל, ½ טעה־לעפּעלע זאַלץ,
8 טעה־לעפּעלאך בעיקינג־פּוידער, 3 אייער, 2 קאָפּעס מילך,
4 עס־לעפּעל צעלאָזענע פּוטער.

זיפּט צוזאמען די קעיק-מעהל, זאַלץ און בעיקינג-פּוידער. שלאָגט אויף די געלעכלאך פון די אייער, גיט צו מילך, דאן גיט צו ביסלאכווייז, דיזע מיקסטשור צו די טרוקענע שטאָפען, און שלאָגט אויף גוט. גיט צו די צעלאָזענע פּוטער און צולעצט מישט אריין די הארט אויפגעשלאָגענע ווייסליכע פון אייער. באַקט אויף א הייסען „וואפעל-אייזען" ביז עס ווערט גוט צוגע-ברוינט.

## פעדער קניידלאך, עלזאסער סטייל

**1 קאָפּע טשיקען־פעטס, 3 אייער (גוט אויפגעשלאָגען), 1/8 קאָפּע הייסע טשיקען בראָטה, 1 לעפעלע זאלץ, 1 לעפעלע נאַטמעג (אָדער אינגבער ווען איהר ווילט), 2 קאָפּעס מאַני־שעוויטץ'ס מצה־מעהל.**

קיהלט אָפּ די קאָפּע שמאַלץ פון א געדעמפּטער טשיקען ביז עס ווערט טיילווייז קיהל, שלאָגט עס גוט אויף. גיט צו די אנדערע שטאָפען, דאן מאכט קניידלאך אין דער גרויס פון א וועלשענער נוס. באדעקט זיי מיט א דינעם טוך, און שטעלט אוועק אין א קיהלען פלאץ פאר 1 ביז 24 שטונדען. ווען איהר ווילט זיי גע־ברויכען, קאָכט אויף די זופּ נאכדעם ווי איהר נעמט ארויס די טשיקען. דאן לעגט אריין די קניידלאך אין דער זידענדיגער זופּ און לאָזט עס קאָכען 18 מינוט. פון דער רעסיפּי וועט איהר האָבען ארום 42 קניידלאך.



## טייטלען-בארס, נומער 1

1 קאַפּע צוקער, 3 אייער (גוט אויפגעשלאָגען), 1 קאַפּע מאַנישעוויטץ'ס מצה-מעהל, 1 לעפעלע בייקינג פּוידער, ½ לעפעלע זאַלץ, 1 קאַפּע טייטלען (גוט צעשניטען), 1 קאַפּע ניס (צעהאַקטע).

מישט אויס דעם צוקער און די אויפגעשלאָגענע אייער, מישט אויך אויס די מעהל, זאַלץ און בייקינג-פּוידער. קאָמבינירטביידע מיקסטשורס און גיט צו די טייטלען און די ניס. שפּרייט אויס די מיקסטשור אזוי דין ווי מעגליך אין א פּיער-עקעדיגען בעקעלע אָנגעשמירט מיט פעטס. באקט אין א טעמפּעראַטור פון 325 גראַד פאר 45 מינוט. אויב דער טייג ברוינט זיך שנעל, מאַכט קלענער די טעמפּעראַטור. ווען עס ווערט פאַרטיג לאָזט עס אָפּזועצען 15 מינוט. צעשניידט אויף שטיקער ארום 4 אינטשעס לאַנג און 1¼ אינטשעס די ברייט, און ווערענד זיי זיינען נאָך וואַרעם, וויקעלט זיי אין דינעם צוקער.



## *Asparagus Wheel*

***1½ Manischewitz's Matzos, 1¼ cups milk (about), 6 eggs, 1¼ tsp. salt, 1 tbsp. Manischewitz's Matzo Meal, 1 can asparagus tips, 1 tbsp. butter, 1 tbsp. grated cheese (if desired).***

Soak matzos a few minutes in the milk, not making them very soft. Then drain, keeping one cup milk to use again in recipe. Arrange the matzos to fit buttered baking pan. Beat eggs with ¾ cup milk and 1 tsp. salt, scramble just enough to have them hold their form. Spread scrambled eggs over matzos and sprinkle with remaining ¼ cup milk and matzo meal. Arrange asparagus on top in a wheel-like ring, sprinkle with remaining ¼ tsp. salt, and put butter in center. The cheese, if used, may be added to eggs or sprinkled on top. Bake in hot oven about 10 minutes.

## *Upside Down Cake*

4 ***tbsp. butter,*** 1 ***cup brown sugar,*** 5 ***slices pineapple,*** 9 ***maraschino cherries,*** 6 ***eggs,*** 1 ***cup granulated sugar,*** 1 ***cup Manischewitz's Cake Meal,*** 1 ***tsp. salt, grated rind*** 1 ***lemon.***

Melt butter in 9 inch skillet or cake pan; stir in brown sugar. Remove from fire, spread evenly, and arrange on top pineapple and cherries in fancy design. Make sponge cake dough by beating together egg yolks and sugar, adding lemon, salt and cake meal, then folding in stiffly-beaten egg whites. Put batter over fruit, and bake 1 hour in slow oven (300°). When done, hold tray over cake, then invert tray and skillet together, to prevent cake breaking. The fruit will be on top as designed. Serve with whipped cream.

# MATZO PRODUCTS

This means better bakings, the same results every time from your favorite recipes. This new process of making meal is entirely automatic.

World Famous Manischewitz's Matzo Products include:

MATZOS
THIN MATZOS — CAKE MEAL
EGG MATZOS — MATZO FARFEL
MATZO MEAL — MATZO CRACKERS
WHOLE WHEAT MATZOS
WHOLE WHEAT MATZO MEAL
WHOLE WHEAT MATZO CRACKERS

Millions of people throughout the world use Manischewitz's Matzo Products because of their acknowledged superiority. For these foods are temptingly different; baked by exclusive methods —and packed so as to retain their oven-freshness and flavor.

For best results in preparing the many delicious dishes suggested in this book follow directions carefully, and use only Manischewitz's Matzo Products.



# MANISCHEWITZ'S

These world famous foods are unapproached in excellence and high quality. Their inimitable flavor cannot be equalled — for Manischewitz's foods are made only from the finest materials— and by exclusive processes.

All flour used is especially milled from selected wheat—and must pass rigid tests for uniformity, purity, and wholesomeness.

Practically every operation of baking and of manufacture, including packaging, is done by marvelous automatic machinery.

In making Matzo Meal, for instance, the most remarkable grinding system in the world is employed. It's unique—producing an absolutely uniform meal. Years of experimentation were required before the process that makes possible this revolutionary improvement in Matzo Meal was evolved. There is now no possibility of variation in the texture of this superfine meal.



automatically conveyed to the packaging department, and with their fresh from-the-oven flavor intact, are packaged by human-like machines into modern containers. The triple-wrapped, triple-sealed packages, which protect Manischewitz's Matzos, and Matzo Crackers, are absolutely superior to those used by other producers of matzo products.

Every process of mixing, baking and packaging is automatic—machines are all electrically-operated—so that Manischewitz's food products come to you practically untouched by human hands.

In these sunlit bakeries, cleanliness and sanitation are not words, but *deeds*. . . . As a result, Manischewitz's Matzo Bakeries have the highest sanitary rating of all food establishments of their kind.

Ceaseless supervision, quality materials and modern methods combine to establish and maintain the unequalled goodness, and the world-wide reputation of Manischewitz's foods.



**ABOVE**

*Chicago Bakery No. 3, located at 2109 West Roosevelt Road*

**BELOW**

*Cincinnati Bakery No. 2, located at 832-838 West Sixth Street*



# MANISCHEWITZ'S




*Cincinnati Bakery No. 1, located at 2100 W. Eighth Street—largest matzo bakery in the world*

The three bakeries which produce World Famous Manischewitz's Matzo Products are literally the last word in modernity—and the largest plants in the world devoted exclusively to the making of fine kosher foods. Two of these spotless bakeries are in Cincinnati—one in Chicago. Here are baked the superfine matzo products which are so perfect—so high in quality that they are unhesitatingly accepted as the standard by which other similar products are judged.

Hundreds of carloads of the finest flour, especially milled to Manischewitz standards from choice wheats, are delivered to these modern bakeries. Automatic dough mixing and measuring machines, and traveling ovens—marvels of mechanical ingenuity—turn this selected flour into the finest of matzo products. These freshly baked products are

## Pancakes

***2 eggs, ½ cup milk (or water), ½ cup Manischewitz's Cake Meal, 1 tsp. sugar, 1 tsp. baking powder, ¼ tsp. salt.***

Beat eggs well, add milk and dry ingredients. Mix well and pour cakes onto hot slightly greased griddle. When bubbles form throughout, turn cakes and brown other side. If a still lighter pancake is desired, the egg whites may be beaten separately until stiff and folded into batter last.



## *Strawberry Shortcake*

***4 eggs, ¾ cup sugar, ½ lemon, juice and grated rind, ¼ tsp. salt, ½ cup Manischewitz's Cake Meal.***

Beat very light egg yolks and sugar. Add lemon, salt and sifted cake meal; fold in stiffly-beaten egg whites. Bake in 2 shallow pans in moderate oven. When cold, put one layer on platter, spread thickly with strawberries that have been well sugared; put other layer on top and spread over with sweetened and flavored whipped cream.

## *Muffins*

***2 large or 3 small eggs, 2 tbsp. cold water, ¼ tsp. salt, 6 tbsp. Manischewitz's Matzo Meal.***

Add salt to egg whites and beat until stiff. Add water to egg yolks, beat until light, then fold into the stiff whites. Fold in meal, and bake in greased muffin tins at 350°

## *Waffles*

***1 cup Manischewitz's Cake Meal, ½ tsp. salt, 3 tsp. baking powder, 3 eggs, 2 cups milk, 4 tbsp. melted butter.***

